ב. לאָקער.

מאָסקווע און ציוניזם

דער מאָראַלישער באַנקראָט פֿון די לינקע פועלי־ציון

ווין, 1921
ארויסגעגעבען פֿונ׳ם פֿארבאנד־ביוראָ פֿונ׳ם יודישען
סאָציאליסטישען ארבייטער־פֿארבאנד פועלי־ציון
דרוק „אדריא" ווין, II, טאַבאָרשטראַסע b62.

38
LIBRAIRIE
LIPSCHUTZ
28, Rue Lamartine
— PARIS —

פּרייז פֿון דער בראָשור:

15 עסטרייך. קר.; 3 טשעכ. קר.;
20 פּויל. מאַרק; 3 דייטשע מאַרק;
1 שילינג; 20 סענט; 1 פֿראַנק.

ב. לאָקער.

מאָסקווע און ציוניזם

דער מאָראַלישער באַנקראָט פון די לינקע פועלי־ציון

ווין, 1921

ארויסגעגעבען פונ'ם פארבאנדס־ביוראָ פונ'ם יודישען סאָציאליסטישען ארבייטער־פארבאנד פועלי־ציון

דרוק „אדריא" ווין, II, טאַבאָרשטראַסע 52b.

Roma locuta. causa finita: רוים האָט גע'פּסק'נט, דער משפּט איז פֿאַרענדיגט. דער טריבונאַל, וואָס פּרעטענדירט צו זיין די העכסטע לעגיסלאַטיווע און עקזעקוטיווע מאַכט אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבייטער־באַוועגונג האָט אין עטליכע שורות אָהן שום אַרגומענטען און באַגרינדונגען אַרויסגעגעבן אַ טויט־משפּט אויף אַ באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גרויסע מאַסען פֿון דעם יודישען פֿאָלק און די רעוואָלוציאָנערסטע טיילען פֿונ'ם יודישען פּראָלעטאַריאַט.

וואָרן דאָס דאַרף זיין קלאָר. די ציטירטע ווערטער זיינען גנוג דעם ציוניזם אַלס אַזעלכען, נישט בלויז דעם בירגערליכען פֿליגעל. צו אַזאַ מין פּירוש, מיט וועלכען אַ טייל פֿון אונזערע „לינקע" וועלען זיך מסתם פּרובען טרייסטען, איז קיין שום רמז נישטאָ. ס'רעדט זיך וועגען דעם „ציוניזם בכלל". העכסטענס קען מען אַרויס'פּירוש'ן, אַז אין דער דאָזיגער אינטריגע פֿון דער יודישער בורזשואַזיע מיט ענגלאַנד כדי צו באַטריגען דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט, שפּילען מיר פּועלי־ציון, דער איינציגער טייל זיינער, וואָס גלויבט אין דער ציוניסטישער פֿאַרענטפֿערונג פֿון דעם יודישען אַרבייטס־ און וואַנדערונגס־פּראָבלעם די נישט וועהר בכבודיגע ראָל פֿונ'ם אומשולדיגען קרבן פֿון דער אינטריגע. מעגליך בכן, אַז אונז וועט מען נישט פּשוט אַריינוואַרפֿען אין גיהנום צייין גלייך מיט די פּושעים במזיד, נאָר מ'וועט פּרובען, אונז צוריק אַרויסצופֿירען אויפֿ'ן דרך הישר. אָבער פֿאַרפֿירט נעבּיך זיינען מיר, מיר אַלע, רעכטע און לינקע, אַפֿילו אונזערע כשר'סטע קאָמוניסטען.

לייענט מען אויפֿמערקזאַם אַפֿילו נאָר דעם איינעם ציטירטען פּאַסוס פֿון די טעזיסען, אַזו ווערט קלאָר, אַז דער ציוניזם ווערט דאָ באמת באַהאַנדעלט נישט ווי אַ טיפּישער ביישפּיל פֿון אַן אַלגעמיינער ערשיינונג — הגם פֿון אויבען קען עס אַזוי אויסזעהן — נאָר ווי אַ יוצא מן הכלל. וואָרן בנוגע די אַנדערע ניי געשאַפֿענע מלוכות ווערט דאָך נישט געלייקענט זייער עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג אַלס אַזעלכע. ס'ווערט נאָר אָנגעוויזען דערויף, אַז די אימפּעריאַליסטישע מלוכות נוצען אויס מיט דער הילף פֿון דער היימישער בורזשואַזיע דעם פֿאַקטישען באַדערפֿעניש פֿון די דאָזיגע פֿעלקער נאָך אומאָב־הענגיגקייט צוליב זייערע מאַכט־צילען. ביים ציוניזם אָבער ווערט אויס־געגאָסען דאָס קינד מיט'ן באָד; דער גאַנצער ציוניזם איז נישט מעהר ווי אַ שווינדלערישע המצאה פֿונ'ם ענגלישען אימפּעריאַליזם בשותּפֿות מיט דער יודישער בורזשואַזיע, כדי צו כאַפּען מיט איין קלאַפּ צוויי פֿליגען: די יודישע אַרבייטער אויף דער גאַנצער וועלט און די אַראַבער אין ארץ ישראל.

דאָס איינפאַכסטע וואָלט געווען, אָפּצופּטר'ן דעם גאַנצען ענין מיט'ן באַקאַנטען ווערז פון היינע:

איך קען דעם ניגון, איך קען דעם טעקסט, איך קען אויך די מחברים.

קיין ספק, אַז דאָס איז אַ יודיש שטיקעל אַרבייט. אין לענין'ס פּראָיעקט צו די טעזיסען איז דער פּאַסוס וועגען ציוניזם פאַקטיש נישט געווען. דאָס האָבען שוין מוסיף געווען די ראַפּעס'עס, אסתר'ס, די פאַרשידענע יודישע מוח'לעך פונ'ם אָקאָרשט קאָמוניסטיש גע־וואָרענעם בונד און פון די יודישע סעקציעס ביי דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ס'איז אויך נישט קיין ספק, אַז זייער „ערפאָלג" האָבען די דאָזיגע עלעמענטען אין אַ געוויסען מאָס צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס אויך אינ'ם דריטען אינטערנאַציאָנאַל געפינען זיך בראש אַזאַ היבשע צאָהל פון אַמאָליגע קינדער פון דער יודישער גאַס, וואָס טראָגען זיך נאָך אַרום מיט אַ בלאַסער ירושה פון יודישקייט — דער נעגאַציע פון אַלץ, וואָס האָט צו טון מיט'ן לעבענדיגען יודישען פאָלק. מ'וואָלט זיך געקענט טרייסטען און . . . וואַרטען אויף בעסערע צייטען. איז נישט אין צווייטען אינטערנאַציאָנאַל פאַר דער מלחמה געווען די זעלבע ערשיינונג? און האָבען מיר נישט סוף כל סוף בעת דער מלחמה דורכגעבראָכען די וואַנד להכעיס דעם בונד, ניט קוקענדיג אויף דער אויטאָריטעט פון די אַסימילאַטאָרישע יודישע פירער?

אודאי! אין נצחון פון אונזער אמת זיינען מיר זיכער און אונזער שטעלונג אינ'ם איצטיגען קאַמף אַרום די גורל־פראַגען פונ'ם סאָציאַ־ליזם וועלען מיר נישט אָננעמען לויט דעם, וועלכער צד סימפּאַטיזירט אָדער סימפּאַטיזירט נישט מיט אונזערע ספּעציעל יודישע שטרעבונגען. פּונקט ווי מיר אַליין וועלען אויף זיי קיינמאָל און קיינעם צוליב נישט מותר זיין, אַפילו נישט צוליב אונזער אַריינטריט אין אינטערנאַציאָנאַל.

אָבער די אַלע אויבען דערמאַנטע מאָמענטען דערקלערען נישט אַלץ. קודם כל איז די אַנאַלאָגיע מיט'ן צווייטען אינטערנאַציאָנאַל נישט אינגאַנצען קיין ריכטיגע, פּשוט דערפאַר, ווייל די מאָמענטען, וואָס האָבען געבראַכט סוף כל סוף צו דער ראַדיקאַלער רעוויזיע פון דער שטעלונג צו דער יודישער פראַגע אינ'ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, זיינען דאָך פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז זיי האָבען נישט געדאַרפט דורכ־געהן אָהן אַ ווירקונג אויך אויף די פירער פונ'ם דריטען. להיפוך: וואו ווייזט זיך נאָך בולט'ער אַרויס די טראַגעדיע פונ'ם יודישען פאָלק און די קללה פון דער עקסטעריטאָריאַליטעט, פון דער עקאָנאָמישער־

אומנאָרמאַלקייט פֿון די יודישע פֿאָלקסמאַסען, ווי אין רוסלאַנד, דעם זיך און גייסטיגען צענטער פֿונ'ם דריטען אינטערנאַציאָנאַל? ווען איז די דאָזיגע טראַגעדיע שאַרפֿער אויפֿגעוויקעלט געוואָרען, ווי דוקא איצט, בעת דער וועלט־מלחמה און דער רעוואָלוציע, אינ'ם פּראָצעס פֿונ'ם קאָמוניסטישען איבערבוי פֿונ'ם עקאָנאָמישען לעבען אין דער סאָוויעט־רעפּובליק, בעת די שוידערליכע פּאָגראָמען אין מזרח־אייראָפּאַ?

אפילו די האַלב־ און דריי־פערטעל־אַסימיליאַנטען פֿון די יודישע סעקציעס ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד מוזען קאָנסטאַטירען:

„די מלחמה און די רעוואָלוציע, די פֿאַרשאַרפֿונג פֿונ'ם בירגער־קריג, די עקאנאמישע פּאָליטיק פֿון דער ראַטען־מאַכט און לסוף די אַלץ פֿאַרניכטענדיגע שרעקליכע פּאָגראָם־כוואַליע האָבען ביז'ן גרונט חרוב געמאַכט דעם איינגעשטעלטען לעבענסשטייגער פֿונ'ם יודישען קליינעם הענדלער און האַנדווערקער. די גרעסטע מערהייט פֿון זיי איז אינגאַנצען אַרויסגעשטופּט געוואָרען פֿונ'ם עקאָנאָמישען לעבען און פֿאַרלוירען אַלע עקזיסטענץ־מיטלען. אַ קליינער טייל וויל זיך ראַטעווען דורך דער ספּעקולאַציע, צענדליגער טויזענטער יתומים און אלמנות מוזען דורכאויס פֿאַרזאָרגט ווערען דורך דער מלוכה, נאָך דעם ווי אַ סך צענדליגנער טויזענטער זיינען אומגעקומען דורך די באַנדעס אין אוקראַאינע. די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאָגראָם־כוואַליע האָט חרוב געמאַכט אַלע שטעטלעך און שטעט. די דאָזיגע פּאָגראָם־כוואַליע זייענדיג אַ פּראָדוקט פֿון די סתירות צווישען שטאָט און דאָרף האָט ביז'ן גרונט קאַליע געמאַכט די באַציהונגען צווישען די פּויערים און די יודען און בכלל אָבגעסמ'ט מיט'ן גיפֿט פֿון אַנטיסע־מיטיזם דעם גאַנצען געזעלשאַפֿטליכען לעבען פֿון קאַנט.

„פֿון דער צווייטער זייט האָט די פּאָזיטיווע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פֿון דער ראַטען־מאַכט ווינציג וואָס באַוויזען אויפֿצוטון אין דער ריכטונג פֿון צוציהען די אַרויסגעשלאָגענע פֿונ'ם עקאָנאָמישען לעבען האָראָפּאַשנע מאַסען צו פּראָדוקטיווער אַרבייט. ווען מען זאָל נישט רעכענען די גרויסע ווערקשטאַטען אין וויטעבסק און די אייניקע שריט פֿון יודישען קאָמיסאַריאַט אויף צוצוציהען די יודען צו ערדאַרבייט, איז אין דער דאָזיגער ריכטונג ווינציג וואָס געטון געוואָרען. די נישט גרויסע אַלטע ערדאַרבייטער־קאָלאָניעס אין כערסאָנער גוב. זיינען גאָר אינגאַנצען חרוב געוואָרען בעת גריגאָריעווס אַרויסטריט.“ (אויס די החלטות פֿונ'ם צענט־ראַל־ביוראָ און אוקראַאינישען ביוראָ פֿון די יודישע סעקציעס ביי דער־

רוסלענדישער קאמוניסטישער פארטיי. „קאמוניסטישע וועלט", מאסקווע נומ. 12—13, יאנואר־פֿעווראַל 1920).

דער מצב פֿון דער יודישער באַפֿעלקערונג איז אזא שווערער און האָפֿנונגסלאזער, אז א טייל פֿון די דאזיגע סעקציאניסטען מיט'ן אנפֿיהרער פֿון דעם יודישען קאמיסאריאט דיאמאנטשטיין טראכטען וועגען א קאנצענטרירטער יודישער קאלאניזאציע ערגיץ אין רוסלאנד גופא. אז זיי קענען גלייכצייטיג זיין די פֿארביסענסטע נעגנער פֿונ'ם ציוניזם, דעריבער וועט זיך קיינער נישט חדוש'ן, וואס קען די סתירות אין דער פסיכאלאָגיע פֿון די נעטא־קאָסמאָפּאָליטען. אָבער דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל און זיינע רוסלענדער אנפֿיהרער! קענען זיי זיין בלינד און טויב פֿאַר'ן גסיסה־קאַמף פֿון א גאַנץ פֿאָלק און קענען זיי, דוקא זיי, נישט פֿאַרשטעהן, די היסטאָרישע גראַנדיאזיטעט פֿונ'ם פּלאַן, איבערצובויען דאָס גאַנצע יודישע לעבען אויף די יסודות פֿון פֿרייער ארבייט און שאַפֿען אין א"י? זאָלען זיי באמת נישט בכח זיין, אבצושיידען די איצטיגע פּאָליטישע קאָנסטעלאַציע, וואָס האָט געגעבען ענגלאַנד די ממשלה איבער ארץ־ישראל און דערמיט מאָמענטאַן איבער דער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד, פֿון דעם גרויסען אמת פֿונ'ם ציוניזם גופא?

נאך וואונדערליכער ווערט דער ענין, ווען מ'דערמאַנט זיך, אז אין דער לעצטער צייט ווענדט אן סאָוויעט־רוסלאַנד א מין ציוניסטישען פּרינציפּ אין איהר פּאָליטיק כלפּי אַנדערע פֿעלקערשאַפֿטען, די טאטערן און באַשקירען, וועלכע זיינען אין זייערע ניי געשאַפֿענע אויטאָנאָמע סאָוויעט־רעפּובליקען נאר אַ מינאָריטעט פֿון דער באַפֿעלקערונג. ביי דער שאַפֿונג פֿון די דאָזיגע רעפּובליקען האָט זיך די סאָוויעט־רעגירונג בפירוש באנוצט מיט דער מאָטיווירונג, אז די נייע רעפּובליקען וועלען צוציהען די טאטערישע און באַשקירישע באַפֿעלקערונג פֿון אַנדערע טיילען פֿון רוסלאנד און אזוי וועלען דאָרט מיט דער צייט ווערען טאטערישע און באשקירישע מעהרהייטען. מיט וואָס'זשע איז דער ציוניזם ערגער? די פֿולע תשובה קען אונז נאָר געבען — אינאיינעם מיט די אויבען דערמאַנטע מאמענטען — די נאציאנאליטעטען־ און קאָלאָניאַל־פּאָליטיק פֿון דער סאוויעט־רעגירונג און פֿונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאנאל.

II.

לייענט מען אויפֿמערקזאַם דורך די טעזיסען פֿונ'ם II. קאָנגרעס פֿונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל וועגען דער נאַציאָנאַליטעטען־

און קאָלאָניאַל־פּראַגע. אַזוי ווייזט זיך ארויס, אַז זיי שטעלען מיט זיך ניט פאָר קיין איינהייטליכען געשלאָסענעם פּרינציפּען־בנין, נאָר ניכער א סכום פון טאַקטישע כללים, ווי אַזוי אויסצונוצען די נאַציאָנאַליטעטען־ און קאָלאָניאַל־פּאָליטיק פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות אינ׳ם קאַמף געגען דעם אימפּעריאַליזם און פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. פאַר אונזער ענין זיינען קודם כל וויכטיג די פּונקטען, וואָס זיינען נוגע די אָבגעשטאַנענע לענדער און פעלקער. ס׳ווערט אַרויס־געלענט איין אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען דער חוב, צו שטיצען דורך מעשים די רעוואָלוציאָנערע פרייהייטס־באַוועגונגען אין די דאָזיגע לענדער. ספּעציעל איז דאָס דער חוב פון די אַרבייטער אין יענעם לאַנד, פון וועלכען די אָבגעשטאַנענע נאַציע איז אָבהענגיג אין קאָלאָניאַלען אָדער פינאַנציעלען זין.

„דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף צייטווייליג צוזאַמען־געהן, יאָ אפילו אריינגעהן אין א בונד מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג אין די קאָלאָניעס און אין די אָבגעשטאַנענע לענדער, זי טאָר זיך אָבער מיט איהם ניט צונויפשליסען, נאָר זי מוז בכל אופן אָב־היטען דעם זעלבשטענדיגען כאַראַקטער פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג — הגם אין איהר עמבריאָנאַלער פאָרם.

„דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט דעם חוב, צו שטיצען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין די קאָלאָניעס און אין די אָבגעשטאַנענע לענדער נאָר צו דעם צוועק, כדי צו זאַמלען די עלע־מענטען פון די שפּעטערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען ... אין אַלע לענדער און צו ברענגען זיי צום דערקענען זייער באַזונדערע אויפגאַבע.“

עס ווערט נאָך אָנגעוויזען אויפ׳ן פאַרשטענדליכען אומצוטרוי פון די אונטערגעדריקטע פעלקער אפילו צו דעם פּראָלעטאַריאַט פון די אונטערדריקענדיגע נאַציעס און ס׳ווערט באַצייכענט אלס א חוב פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, זיך באַזונדערס צו רעכענען מיט די פאַר זיך איבערגעלעבטע געפיהלען אין די לענדער און פעלקער, וואָס זיינען זייט א לאַנגער צייט פאַרקנעכט און צו מאַכען זיי קאָנצעסיעס, כדי וואָס ניכער צו מאַכען א סוף צו די דאָזיגע פאַראורטיילען און צו דעם דאָזיגען אומצוטרוי“.

נאָך בולטער ווערט דער דאָזיגער קוק אַרויסגעאַרבעט אין די דערגענצונגס־טעזיסען, וואָס פאַרנעמען זיך ספּעציעל מיט דער קאָלאָ־ניאַלער פראַגע. זיי געהען ארויס פונ׳ם הויפּט־געדאַנק, אַז דער אייראָ־פּעאישער קאַפּיטאַליזם שעפּט זיין כח הויפּטזעכליך פון די קאָלאָניעס.

די באַפרייאונג פון די קאָלאָניעס איז דעריבער פונקט אזוי ווי די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע אין די מיטעל־לענדער א תנאי פאַר'ן אונטערגאַנג פונ'ם קאפּיטאליזם. דעריבער איז די „וויכטיגסטע און נויטיגסטע אויפגאַבע, צו שאַפן ניש ט־קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון די פּויערים און ארבייטער . . . . , כדי זיי צו פיהרען צו דער רעוואָלוציע און צו דער שאַפונג פון דער סאָוויעט־רעפּובליק". און וואָס איז דער נאָהנטסטער ציל פון דער דאָזיגער רעוואָלוציע? „אין דער ערשטער צייט וועט די רעוואָלוציע אין די קאָלאָניעס ניט זיין קיין קאָמוניסטישע רעוואָלוציע . . . ס'וואָלט געווען א פעהלער, צו וועלען פאַרענפערן די אגראַר־פראַגע לויט ריין קאָמוניסטישע פּרינציפּען. אויף דער ערשטער מדרגה פון איהר אַנטוויקלונג מוז די רעוואָלוציע אין די קאָלאָניעס דורכגעפיהרט ווערען לויט דעם איינעם פּראָגראַם פון ריין קליינבירגערליכע, רעפאָרמיסטישע פאָדערונגען, ווי פאַרטיילונג פון דער ערד א. א. וו."

פון די אלע ציטאַטען איז קלאָר איין זאך: דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל פיהרט בנוגע דער קאָלאָניאַל־פראַגע א פּאָליטיק, וואָס איז דורכגעזאַפּט דורך און דורך מיט'ן גייסט פונ'ם אזוי פאַרשאָלטענעם אָפּאָרטוניזם און קאָמפּראָמיס. כדי אָנצוטון צרות דעם אימפּעריאליזם, איז מען גרייט, צו מאַכען יד־אחת מיט דער בירגערליךנאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג און איהר צו מאכען אלע מעגליכע קאָנצעסיעס. דאָס גרויסע ציל, אונטערצוגראָבען דעם אימפּעריאליזם, מאַכט כשר יעדעס מיטעל.

ער כאַן טעאָריע. די פּראַקטיק געהט אָבער נאָך ווייטער. לויט דער טעאָריע וואָלט דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פּראָקלאמירט דאָך אין זיינע טעזיסען דעם קאמף געגען דעם פּאַנאיסלאמיזם, געמוזט פאַרביטען דער סאָוויעטען־רעגירונג, צו פאַרבינדען זיך מיט ענווער פּאשא און קעמאל פּאשא. ס'געשעהט אָבער דוקא דער היפוך. תיכף נאָכ'ן II. קאָנגרעס אין מאָסקווע איז זיך אין באקו צונויפגעקומען דער „קאָנגרעס פון די מזרח־פעלקער", וואָס איז צונויפגערופען געוואָרען פונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. פון די באריכטען איבער דעם קאָנגרעס אין דער אייראָפּעאישער פּרעסע קען מען צום באַדויערן ניט קיין סך ארויסנעמען. אָבער אַזויפיל איז קלאָר, אז די וואָרטפיהרער פונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל האָבען דאָ זעהר ברייטהארציג אויסגעטייטשט די טעזיסען, וואָס זיינען באמת ננשט באַלאַדען מיט פּרינציפּען־רייטעריי. אונטער'ן פרייד־געשריי פון די 1800 קאָנגרעס־

דעלעגאטען, קורדען, פערזער, אראבער א. א. וו. האָט דער פאָרזיצער פונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאל, זינאָוויעוו, פראָקלאמירט די היילינע מלחמה, דערנאָך האָבען די דעלעגאטען נעציקט די שווערטער און אָבגעלעגט די שבועה. ס'איז אויסגעוועהלט געוואָרען „אַן' אקציאָנסראַט פון די מזרח־פעלקער" וואָס באַשטעהט פון קאָמוניסטען און בירגערליכע.

אַן אינטערעסאַנטע ראָל האָט געשפּילט אויפ'ן קאָנגרעס דער טערקישער נאציאָנאליסטען־פיהרער ענווער־פאשא, וואָס איז בשעת דער וועלט־מלחמה געווען טערקישער קריגסמיניסטער און אויבער־קאָמאנדאנט, דער וואָס האָט אָרגאניזירט די שרעקליכע שחיטות פון הונדערטטויזענטער ארמענישע זקנים, ווייבער און קינדער און וועמען די יודישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל האָט נאָך גוט אין זכרון. אָט דעם פארשוין, וועלכען די ווינער קאָמוניסטישע „רויטע פאָהן" פייערט אלס דעם טערקישען פרייהייטס־קעמפער, האָט ניט ווייניג אפילו קיין אָפיציעלער דעלעגאט אבגעגעבען א לענגערע דעקלאראציע פול מיט לויב־לידער אויפ'ן קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאל, מיט וועמענס פרינ־ציפען ער איז — פארשטעהט זיך — אלס אלטער קעמפער פאר דער פרייהייט און אומאָפהענגיגקייט פון די קליינע נאציעס אקעגען קאפּי־טאליזם און אימפעריאליזם איננאנצען מסכים.

די דעקלאראציע האָט פאָרגעלייגט אלס איינער פון די סעקרע־טארען — א איראָניע פון דער היסטאָריע — דער „פועלי־ציוניסט" וויאַטא אָסטראָווסקי! און דאָס פּרעזידיום פונ'ם קאָנגרעס האָט געגעבען אויף ענווערס דעקלאראציע אַן' אָפיציעלע תשובה, אין וועלכער ס'הייסט צווישען אנדערע, אַז דער קאָנגרעס האַלט פאר נויטיג א באַזונדערע פאָרזיכטיגקייט כלפי יענע פיהרער פון דער טערקישער באַוועגונג, וואָס האָבען אין דער פארגאַנגענהייט געפיהרט די טערקישע בויערן און אַר־בייטער צו דער שלאַכטבאַנק אין די אינטעהעסען פונ'ם אימפעריאַליזם. אָבער — און דאָ ציטירען מיר מלה במלה:

„דער קאָנגרעס פאָדערט אויף די דאָזיגע פיהרער, צו באַווייזען דורך מעשים, אַז זיי זענען איצט גרייט, צו דינען דער אַרבייטענדיגער באַפעלקערונג און ווידער גוט צו מאַכען זייערע פריהעריגע פאלשע שריט".

איז דאָס נאַאיוויטעט? גלויבען די מחברים פון דער רעוואָלוציע ראַדעק—זינאָוויעוו באמת, אַז ענווער פאַשאַ קען נאָך הרטה האָבען אויף זיינע חטאים און ווערען ממש א קאָמוניסטישער מלאך הגואל פאר די ארבייטענדיגע מאַסען? אָדער איז דאָס גאָר א נייער מין דיפלאָמאַטיע?

די מיליטערישע פֿאַרבינדונג פֿון דער סאָוויעטן־רעגירונג מיט׳ן בלוטיגען טערקישען העלד געגען ענגלאַנד וואָלט אפשר געקענט ער־קלערט ווערען מיט׳ן ווערטעל: „אז מען דאַרף דעם גנב, שניידט מען איהם פֿון דער תליה׳. וואָס זאָל מען אָבער זאָגען דער־צו, וואָס דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל מאכט פֿון די ענווער פאשא׳ס, קעמאַל פאשא׳ס און אנדערע רעפּרעזאַנטאַנטען פֿונ׳ם אָבגעשטאַנענעם פעאָדאַ־ליזם און פֿון דער בלוטיגסטער אונטערדריקונגס־פּאָליטיק, וואָס קוילעט אויס גאנצע פֿעלקער און אונטערדריקט אויף׳ן ברוטאלסטען אופן יעדע שפּור פֿון א פֿרייהייטס־באוועגונג, פֿאַר פֿאָהנענטרעגער פֿון דער פֿרייהייט פֿון די נאַציעס און פֿאַרבינדעטע פֿון דער וועלט־רעוואָלוציע? א סאָ־ציאַליסט, וואָס זאָגט ניט בלינד אמן צו אלעמען, וואָס קומט אויס מאָסקווע, ווערט מוזען זאָגען, אז די טעאָריע און אין א נאָך גרעסערען מאָס די פּראַקטיק פֿונ׳ם דריטען אינטערנאַציאָנאַל דינט אין דער פֿראַגע וועניגער דער וועלטרעוואָלוציע ווי די פּאָליטישע און סטראַטעגישע צוועקען און כונות פֿון דער רוסישער סאָוויעט־רעגירונג, וואָס קענען זיך זעהר איבעראַנדערשען ביי אנדערע באַציהונגען צו די אימפּעריאליסטישע מערב־מלוכות. איצט דאַרף רוסלאַנד ענווער׳ס הבר׳שאַפֿט געגען ענגלאַנד; און דאָס מאכט קלאָר ניט נאָר די יד־אחת פֿון קאָמוניסטישע פֿיהרער מיט אימפּעריאליסטישע הענקער, נאָר דאָס ווארפֿט אויך א ליכט אויפֿ׳ן אנטי־ציוניסטישען הרם.

אין א שמועס מיט יודישע זשורנאליסטען אין ריגא האָט יאָפֿע, דער פֿאַרטרעטער פֿון דער סאָוויעט־רעגירונג אויף זייער פֿראַגע איבער דעם דאָזיגען ענין געענטפֿערט:

„די סאָוויעט־רעגירונג באטראכט די נאַציאָנאַלע באפֿרייאונגס־באוועגונג אין טערקיי, וועלכע איז געווענדעט געגען די פארבינדעטע אימפּעריאליסטען, אַלס א פּאָזיטיווע, ניט פֿאַרגעסענדיג פֿונדעסטוועגען וועגען דער קלאסען־דיפֿערענצירונג (די טערקישע קאָמוניסטען). די יודישע באַזיצענדע קלאסען אין פּאלעסטינא שטעהען אין דינסט פֿון ענגלישען אימפּעריאליזם, העלפֿענדיג איהם צו פֿאַרשקלאַפֿען טערקיי. אָבער דער יודישער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָר ניט קיין שייכות צו דער פּאָליטיק פֿון די יודישע באזיצער און שפּעקולאנטען אין פּאלעסטינע. די ארבייטער־עמיגראציע קיין פּאלעסטינע איז א געוועהנליכע גוזמא. דער יודישער פּראָלעטאַריאַט עמיגרירט ניט, נאָר ער קעמפֿט צוזאמען מיט׳ן פּראָלעטאַריאַט פֿונ׳ם געגעבענעם לאַנד געגען יאָך פֿון יענעם

קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט אונטערגעהאַלטען דורך דער יודישער בורזשואַזי.״

ס׳איז ניט כדאי צו פּאָלעמיזירען גענען יאָפּע׳ס מיינונגען, וואָס שטעהען אין אַזאַ סתירה צו דער טרויריגער יודישער ווירקליכקייט אין גאַנץ מזרח־אייראָפּאַ. אויך דאָס, וואָס ער אַלס יוד פון אַזאַ הויכער אינטעליגענץ הויבט ניט אָן משיג צו זיין דעם תוך פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג ובפרט פון׳ם פּועלי־ציוניזם, איז דאָ ווענינער וויכטיג. אונז אינטערעסירט דאָ נאָר די שטעלונג פון׳ם סאָוויעט־פאַרטרעטער, וואָס זעהט אין׳ם ציוניזם אַ פאַקטאָר וואָס העלפט מיט פאַרסקלאַווען די טערקיי! יאָפּע וואָלט געוועזן גרייט, צוריקצוגעבען ארץ ישראל דעם טערקישען אימפּעריאַליזם, כדי צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ דעם ענגלישען אימפּעריאַליזם. די טעזיסען פון׳ם דריטען אינטערנאַציאָנאַל זיינען אויך אין פּונקט ציוניזם ניט די פּרי בלויז פון אַ מיספאַרשטענדניש, נאָר דער אידעאַלאָגישער אויסדרוק פון די פּאָליטישע קאָמבינאַציעס פון דער סאָוויעטען־רעגירונג.

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל וועט פאַר׳ן ציוניזם אַזוי לאַנג ניט קענען האָבען קיין פאַרשטענדניש, ווי לאַנג די אונטערנעדריקטע נאַ־ציעס און זייערע פריייהייטס־באַוועגונגען וועלען פאַר איהם נאָר זיין שאַכפיגורען אין קאַמף גענען די מערב־מלוכות. וואָלט היינט אין ארץ־ישראל באמת געוועזן אַ גרויסער יודישער קאַפּיטאַליסטען־ און גרויסגרונדבאַזיצער־קלאַס, וואָס דורך איהם וואָלט דער ענגלישער אימ־פּעריאַליזם געקאָנט כאַפּען אַ קלאַפּ אויף אַנ׳עמפפינדליכען אָרט, וואָלט יאָפּע סתם, ניט קוקענדיג אויף זיין קאָסמאָפּאָליטיזם, גערעדט מיט דורך א״י און סימפּאַטיע פון דער יודישער פרייהייטס־באַוועגונג. היינט אָבער איז דער ציוניזם ניט ביכולת צו זיין אַ פאַרבינדעטער ווי קעמאַל פּאַשאַ. אַמוועניגסטען קען ער זיין אַ מיליטערישער פאַרבינדעטער. ער קאָן נאָר אויסנוצען די באַגרעניצטע איינוואַנדערונגס־ און קאָלאָני־זאַציאָנס־מעגליכקייטען, וואָס די אימפּעריאַליסטישע מאַכט לאָזט איהם אָפּען, כדי צו בויען אין אַ מיהפולער אַרבייט נייע אַרבייטס־פּלעצער פאַר אויסגעוואָרצעלטע יודישע אַרבייטער. זיין ציל איז אפילו די רעוואָלוציע אין יודישען לעבען, ער איז אָבער היינט ניט ביכולת צו מאַכען גענען ענגלאַנד קיין רעוואָלטע. אָט די מאַכטלאָזינקייט זיינע מאַכט איהם פאַר ניט מסוגל צו געווינען די סימפּאַטיעס פון דער סאָוויעטען־רעגירונג, וואָס נויטיגט זיך תיכף ומיד אין פאַרבינדעטע און ניט אין שענע אידעען. דערפון נעמט זיך די לייכטקייט, מיט וועלכער

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל לעגט איהם אין חרם אַריין. דערפֿון נעמט זיך זיין גרייטקייט, זיך צוצוהערען צו די רכילות פֿון די בונדיסטען און פֿון עטליכע פֿון וויינע פֿיהרער בני דת משה.

וואָס מיר דאַרפֿען לערנען דערפֿון? די בירגערליכע ציוניסטען האָבען אַ טעות, אויב זיי מיינען, אַז זיי וועלען פֿון דער פֿיינדליכער האַלטונג פֿונ׳ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל קענען אַרויסשלאָגען אַנטי־סאָציאַליסטישען פּראָפּיט. דער יודישער פּראָלעטאַריאַט שטעהט פֿעסט אויף דער זייט פֿונ׳ם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם; זיין שטעלונג צו די הלוקי דעות אין דער אַרבייטער־באַוועגונג לאָזט ער זיך נאָר דיקטירען פֿון זיינע איבערצייגונגען און קלאַסען־אינטערעסען. די אַנטי־ציוניסטישע רעזאָלוציע פֿונ׳ם דריטען אינטערנאַציאָנאַל קען אונז נאָר אָנטרייבען צו אַן אַלץ ענערגישערען קאַמף פֿאַר אונזער אידעע, צו א פֿאַרשטאַרקטער אויפֿקלערונגס־אַרבייט און קודם כל צו אַ אינטענזיווער אָנשטרענגונג פֿאַרן אויסבוי און פֿאַר דער פֿאַרפֿעסטיגונג פֿון אונזערע סאָציאַליסטישע פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל.

דער חרם אויפ׳ן ציוניזם, א נצחון פון די לינקע.

I.

שהחינו....

אז מ׳לעבט, דערלעבט מען זיך. זייט איבער א האלב יאהר זיינען באקאנט די החלטות פונ׳ם צווייטען קאנגרעס פונ׳ם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל און בתוכם דער חרם געגען דעם „ציוניזם בכל ל״, וועלכער דאט ארויסגערופען קאמענטארען און פראטעסטען אין דער גאנצער יודישער ארבייטער-וועלט. נאר אונזערע לינקע אין זייער העכסטע אינסטאנץ, דאס לינקע פארבאנדס-ביורא, האבען די גאנצע צייט געמאכט וועגען דעם א שוויג. אין דער גאר ערשטער צייט האט מען זיך אין פריוואטע שמועסען געפרובט פארענטפערן, אז מ׳וואדט היז׳ן צוריקקומען פונ׳ם „פועלי-ציוניסטישען דעלעגאט" אויפ׳ן מאסקווער קאנגרעס, מיכאל קאהן, כדי צו פובליקירען די רעזאלוציע אינאיינעם מיט זיין באריכט און מיט זיין אויפקלערונג דערצו. זייט איבער דריי חדשים איז דער דאזיגער תירוץ אייך נישט מעגליך; וייל קאהן איז שוין פון כוף נאוועמבער געוועזען אין בערלין און דערנאך אין היך, איבער דריי חדשים האט געדויערט. ביז דאס לינקע פארבאנדס-ביורא האט סוף כל סוף אין מיטען חדש מערץ מזכה געוועזן די וועלט מיט׳ן דין והשבון פון „זיין" פארטרעטער אויפ׳ן מאסקווער קאנגרעס. אבער. ווי זאגט די וועלט, בעסער שפעטער ווי קיינמאל נישט. גם זו לטובה. לאמיר זיך נעהנטער אנקוקען דעם אינטערעסאנטען דאק מענט.

די פארכשופ׳טע רעזאלוציע.

מ׳מוז מודה זיין, אז דער דאזיגער באריכט וועגען „פועלי-ציון אויפ׳ן צווייטען קאנג-עס פון דריטען אינטערנאציאנאל" איז א קונציג שטיקעל ארבייט. גאו קיין חידוש נישט, וואס ס׳האט אזוי לאנג געדויערט, ביז ס׳איז פא-טיג געווארען. איהר געפינט דארט א סך אינ־

טערעסאנטע זאכען, אם אינטערעסאנטעסטען איז אָבער, וואָס איהר נעפינט דאָרט נישט, דהיינו: די רעזאלוציע פון׳ם מאָסקווער קאָנגרעס געגען דעם ציוניזם. דער וויכטיגסטער חלק פון׳ם באריכט דרעהט זיך ארום דער דאָזיגער רעזאָלוציע, איהרע מחברים, איהר ערשטער פאָרם, די דיסקוסיעס ארום איהר אין דער קאָמיסיע און אין׳ם פלענום פון׳ם קאָנגרעס, איהרע גלגולים ביז צו דער ענדגילטיגער רעדאקציע, אבער די רעזאלוציע גופא וועט איהר אומזיסט זוכען. קענטיג, אז זי ווערט נאך אליין באטראכט פאר א קאנטראבאנדע-ארטיקעל, וואָס טאָר נישט קומען פאר די אויגען פון די פשוט׳ע בשר ודם׳ס אין די שורות פון דעם לינקען וועלט־פארבאנד. און ס׳איז דאָ א וויכטיגער טעם דערביי. דער גאנצער פרוב איינצורעדען דעם נאאיווען לינקען עולם, אז דער מאָסקווער שפיי אין פנים איז אין תוך אריין א ליבליכער פריהלינגס־רעגענדעל, האט גרעסערע האָפנונג אויף ערפאָלג, ווען דער טעקסט פון דעם עיקר׳דיגען טייל פון דער רעזאָלוציע בלייבט ווי ביז איצט איינגעהילט אין א סודות׳דיגען נעבעל.

די חטאים פון׳ם אלטען פארבאנדס־ביורא.

ווי יעדער לייטישער דאקומענט הייבט זיך אויך מיכאל קאהן׳ס דין וחשבון אן מיט א הקדמה, מיט דער פאָרגעשיכטע פון זיין מאָסקווער מיסיע, דורך וועלכער ס׳דארף ווערן פארשטענדליכער איהר „ערפאָלג“. אין דער דאָזיגער הקדמה באקומט דאס אלטע פארבאנדס־ביוראָ פון׳ם אמאל אייניגען וועלט־פארבאנד זיין עהרליכען פסק, ס׳ווערען אויפגעוואָרעמט אלע תרעומות׳ען און באשולדיגונגען געגען דער פאָליטיק פון׳ם פ. ב. בעת דער מלחמה, וואס האבען געשפילט אזא ראָל אין׳ם ארגומענטען־אוצר פון׳ם לינקען ארגאניזאציאָנס־ביורא בעת דער צוגרייטונג צו דער שפאלטונג פון דער וועלט־באוועגונג.

ס׳איז כדאי, זיך אביסעל נעהנטער אָנצושטעלען אויף דער דאָזיגער הקדמה, ווייל זי איז א כאראקטעריסטישער ביישפיל דערפאר, ווי ווייט אונזערע לינקע שרעקען זיך ניט אב פון פארדרעהען פאקטען, פאלשעווען דעם היסטאָרישען אמת און שאפען לעגענדעס, אבי צו פארשמירען די אויגען די אייגענע נישט אָריענטירטע חברים און צו געפינען לייטזעליגקייט אין די אויגען פון׳ם פריי׳.

דער פרוב, צו קאנסטרואירען א סתירה צווישען דער פאָליטיק פון׳ם פארבאנדס־ביוראָ בנוגע דעם אינטערנאציאָנאל בעת דער מלחמה און דער שטעלונג פון די לאנד־פארטייען אין מזרח־אייראָפא, קען

אנדערש ניט אָנגערופֿען ווערען ווי דער פרוב, צו פֿאַרפֿאַלשעווען איינעם פֿון די וויכטינסטע און אינטערעסאנטסטע פרקים אין דער געשיכטע פֿון אונזער באַוועגונג. די מחברים פֿון דעם דאָקומענט וויסען זעהר גוט, אַז לכל הפחות ביז צו דער אינטערנאציאָנאלער קאָנפֿערענץ אין בערן (פעברואר 1919) האָט די פּאָליטיק פֿונ'ם פ. ב. בנוגע דעם אינטערנאציאנאל נעפֿונען די פֿולע, יאָ די באגייסטערטע הסכמה פֿון אלע פארטייען, אהן א שום יוצא מן הכלל. און ווען מען פרובט איצט אויפֿבלאָזען דעם ענין צימערוואלד צו א תהום צווישען דעם פ. ב. און די מזרח־פארטייען, אזוי שטעקט אין דעם א פֿילפֿאכיגע צביעות.

קודם כל זאָל זיין פֿעסטגעשטעלט: די איינציגע פארטיי, וואָס האָט פֿאַרלאַנגט פֿונ'ם פֿאַרבאַנדס־ביוראָ, מודיע צו זיין דער צימערוואלדער קאָמיסיע, אז זי האָט זיך געשטעלט אויף דער צימערוואלדער פּלאַטפֿאָרם און צו פֿאַרטרעטען זי דאָרט, איז געווען די רוסישע. ס'איז א באַוואוסטע פֿאַלשונג, ווען מ'רעדט אין דעם צוזאמענהאנג עטליכע מאָל פֿון מזרח־פארטייען בלשון רבים. די דאָזיגע פֿאָדערונג איז געקומען ניט 1915 און ניט אין 1916 (ווי ס'איז מרמז דער באריכט־שרייבער), ווען די רוסלענדישע חברים זיינען אין גאַנצען געווען אָבגעריסען פֿון אייראָפּא, נאָר ערשט נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. ווען דאָס פֿאַרבאַנדס־ביוראָ האָט געהאַלטען ביים צוגרייטען די שטאָקהאָלמער אַקציע. די רוסישע פארטיי האָט אליין ניט פֿאַרלאַנגט, אז דאָס פ. ב. זאָל נעהמען קיין צימערוואַלד איינ'ם נאָמען פֿונ'ם גאַנצען וועלט־פֿאַרבאַנד, זי האָט נאָר געווינשט אז דאָס פֿ. ב. זאָל זי אליין פֿאַרטרעטען. דאָס פֿ. ב. האָט מודיע געווען דער אינטערנאציאָנאלער קאָמיסיע וועגען דער רוסישער פארטיי. דער לעצטער האָט דאָס פֿ. ב. מודיע געווען, אז סימפּאטיזירענדיג מיט דער צימערוואַלדער אקציע אלס דעם ערשטען פרוב פֿון אן אינטערנאציאָנאלער פּראָלעטאַרישער אקציע נעגען דער מלחמה, האלט עס, אז כל זמן מיר זיינען בכלל מהויץ דעם אינטערנאציאָנאל, דאַרפֿען מיר זיך ניט אריינמישען אין די אינעווייניגע ככסוכים. נאָר קאָנצענטרירען אונזער גאנצע ענערגיע אויף צו זיכערן פֿאַר אונזער באַוועגונג דעם נעהערינען פּלאַץ אינ'ם גרויסען אינטערנאציאָנאל. וועגען וועמעס שפּאַלטונג אויך צימערוואלד האָט דעמאלט נאָך ניט געטרעדט. אין צו געווינען די ברייטע אינטערנאציאָנאלע עפֿענטליכקייט פֿאַר אונזערע לאָזונגען און פֿאָדערונגען.

מיט דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענץ איז דער ענין געווען פֿאַרענדיגט. די רוסישע חברים האָבען קיינמאָל ניט אויסגעדרוקט קיין אומצופֿרידענ־

קייט מיט דער שטעלונג פֿונ'ם פּ. צ. צו זייער פֿאָרשלאג. די רוסישע
פארטיי איז אין דער שטאָקהאָלמער דעלעגאציע אָפֿיציעל געווען פֿאר־
טרעטען דורך באָראָכאָוו, וועלכער האָט אויך אין גאנצען מסכים געווען
צו דער האַלטונג פֿונ'ם פּ. צ. אין ענין צימערוואלד. און אין רוסלאַנד
ווי אין אלע אנדערע לענדער האָט אונזער באטייליגונג אין שטאָקהאָלם
ובפרט דער פֿאקט וואָס דער האָלענדיש־סקאנדינאַווישער קאָמיטעט
האָט אין זיין שלום־מאניפֿעסט פֿונ'ם 10 אָקטאָבער 1917 אריינגענומען
אונזערע עיקר־פֿאָדערונגען, ארויסגערופֿען די גרעסטע התלהבות. היינט
ווארפֿט מען שמוץ אויף דער שטאָקהאָלמער אקציע און מ'מאכט דעם
אָנשטעל, אז זי איז געווען אין א סתירה צום ווילען פֿון די מזרח־
פארטייען, האָבען די מיטגלידער פֿונ'ם לינקען פּ. צ. ניר, בערלינרויט,
האַשין, אלע אין יענער צייט פֿיהרענדיגע מיטגלידער פֿון דער רוסלענ־
דישער פועלי־ציון־פארטיי, טאקע פֿארגעסען, אז דער צ. ק. האָט די
שטאַקהאָלמער בשורה מודיע געווען די יודישע ארביימער אין א פֿייער־
דיגען מאניפֿעסט, אז אין אלע וואהלקאמפּאניעס צו די שטאדט־דומעס,
קהילות, צו דער נאציאָנאלפֿארזאמלונג, צום רוסלענדיש־יודישען צוזא־
מענפֿאָהר האָט די פארטיי ניט נאָר אויסגענוצט דעם שטאָקהאָלמער
ערפֿאָלג אין דער וואהל־אגיטאציע, נאָר אז זי האָט איבערגענומען די
וויכטיגסטע טיילען פֿון אונזער שטאָקהאָלמער דעקלאראציע כמעט
וואָרט ביי וואָרט אין איהרע וואהל־פלאטפֿאָרמעס? וואָרט ביי וואָרט!
אויך די פֿאָדערונג פֿון אינטערנאציאָנאלער פֿארענפֿערונג פֿון דער יודי־
שער פֿראגע דורכ'ן שלום־טראַקטאט האָט ניט געפֿעהלט, ד. ה. אז די
רוסלענדישע פארטיי, פונקט ווי אלע איבעריגע, זיינען געווען געכאפט
אויף דיזעלבע „דעמאָקראטישע אילוזיעס", וועלכע מען וואָלט איצט
גערן צוגעוואָרפֿען דעם אלטען פֿארבאנד־ביוראָ אליין.

און ווי האבען דעמאלט אלע איצט „לינקע" פארטייען אין
רוסלאנד, פוילען, עסטרייך פֿארצוקערט ניט נאָר דעם סטאקהאלמער
מאניפֿעסט, נאר אפילו די סימפאטיע־ערקלערונגען פֿון פֿירענדיגע סאָ־
ציאַליסטען פֿאר אונזערע פֿאדערונגען בנוגע דער יודישער פֿראַגע
בפרט בנוגע א"י? היינט וואָלט מען גערן פֿארלייקענט דעם איינעם
עבר, ווארפֿט מען רכילות'ן און שקרים אויף דער דעמאלטינער אָנפֿיה־
רונג פֿון דער באוועגונג, וועמען מ'האָט אקאָרשט פאר דיזעלבע מעשים
ארויסגעזאָגט דאנק און אנערקענונג!

אָס אומגעלומפערטסטען וויזט זיך ארויס די נידעריגקייט פֿון דעם
ראָזיגען מעטאָד ביים פרוב, צו באשולדיגען דאָס פּ. ב. אז מיט'ן

באַטײליגען זיך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ אין לוצערן (אויגוסט 1919) האָט עס זיך געשטעלט אין אַ שאַרפֿען געגענזאַץ צום ווילען פֿון די ברייטע מאַסען פֿון דער באַוועגונג און מ'איז דערביי מרמה, אַז די פּויל'שע פּאַרטיי איז געווען געגען דעם. נאָך איהרע דעלעגאַטען זיינען געקומען צו שפּעט צו דער סטאָקהאָלמער פֿאַרבאַנדס־באַראַטונג, כּדי ניט צו דערלאָזען צו אַזאַ באַשלוס. חבר ניר, דער פֿאָרזיצענדער פֿונם „לינקען פֿאַרבאַנדס־ביוראָ" קען געוויס אינפֿאָרמירען זיינע חברים, אַז קומענדיג צו דער צווייטער סעסיע פֿון דער סטאָקהאָלמער באַראַטונג אַלס מיטגליד פֿון דער פּוילישער דעלעגאַציע, האָט ער מיט דער גאַנצער דעלעגאַציע בפּירוש אין נאָמען פֿון דער פּוילישער פּאַרטיי מסכּים געווען צום באַשלוס, צו פֿאַרבלייבען אין צווייטען אינטערנאַציאָנאַל און שטיצען די פּרובען פֿון די לינקע עלעמענטען איהם צו רעוואָלוציאָנירען. ניר איז איינער פֿון די מחברים פֿון דער רעזאָלוציע וועגען דעם באַריכט פֿון דער דעלעגאַציע אין לוצערן, אין וועלכער ס'הייסט, אַז „די דאָזיגע קאָנפֿערענץ איז אין אַלגעמיין צו באַטראַכטען אַלס שריט פֿאָראויס אויפֿן וועג צום רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם". די דאָזיגע רעזאָלוציע, וועלכע אַנטהאַלט אויך אַ טעטיגקייטספּלאַן פֿונ'ם פּ. ב. אינ'ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, איז אָנגענומען געוואָרען מיט די שטימען אויך פֿון דער פּוילישער דעלעגאַציע. אַז מ'האַלט שוין דערביי: אפשר געדענקט חבר ניר און אפֿשר אויך חבר זרבבל, וואָס פֿאַר אַ יום טוב זיי האָבען געמאַכט לכבוד דעם אָננעמען אונזערע פֿאָדערונגען דורך דער אַמסטערדאַמער קאָנפֿערענץ פֿונ'ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל?

צום סוף נאָך איין פֿאַקט: דער באַריכט דערציילט, אַז אין דער קאָמיסיי פֿונ'ם מאָסקווער קאָנגרעס, וועלכע האָט באַראַטען וועגען דער רעזאָלוציע וועגען ציוניזם, האָט אַ מיטגליד „אויך דערמאַנט, אַז לויט זיין ווייסען האָט זיך אונזער פֿאַרבאַנד צו יעדער צייט אָריענטירט לויט דער מאָמענטאַנער מלחמה־לאַגע, איינמאָל פֿאַר די צענטראַלע מלוכות און דאַן ווידער פֿאַר דער אַנטאַנט". חבר קאַהן פּרובט אפֿילו ניט אָבצולייקענען די באַשולדיגונג, ער פּרובט נאָר באַווייזען, אַז די לינקע זיינען אין דעם נישט שולדיג. יעדער מינדעסטער חבר ווייסט דאָך ביי אונז, אַז ווען די צענטראַל־מלוכות זיינען געשטאַנען אויף דער הויך פֿון זייערע ערפֿאָלגען האָט דאָס פּ. ב. געפֿיהרט דעם שאַרפֿסטען קאַמף געגען דער דייטשער פּאָליטיק אין פּוילען, געגען דעם עסטרייכישען אַנטיסעמיטיזם אין דעם אָקופּירטען לובלינער קאַנט, געגען די רדיפֿות

אויפ'ן יודישען ישוב און דער יודישער ארבייטער־שאפט אין א״י מצד דער טערקישער רעגירונג. פונקט אַזוי איז, ניט קוקענדיג אויף דער מי־ליטערישער סיטואציע, געפיהרט געוואָרען דער קאמף ניט נאָר געגען די צארישע רדיפות, נאָר אויך למשל געגען די רדיפות אויף די רוסישע יודען אין ענגלאנד אין קערענסקי׳ס צייט וכדומה. אָט אַזוי האָט אויס־געזעהן די אָריענטאציע לויט דער מלחמה־לאגע.

און צוליב וואָס די אַלע שקרים און געשיכטס־פאלשונגען? כדי אויף אן אומבכבודיגען אופן זיך צו רעהאביליטירען אין די אויגען פון די שטרענגע מאסקווער שופטים, כדי פון דער אנדערער זייט צו פארטומלען די מוחות פון דעם פשוטען פארטיי־עולם.

באמת, א ווערדיגע הקדמה פאר א היסטאָרישען דאקומענט!

II.

זייער „ערפאָלג״

נאר לאמיר איבערגעהן צום עצם הענין.

אויפ'ן צווייטען קאנגרעס פונ'ם דריטען אינטערנאציאנאל האט דער יודישער פראלעטאריאט זוכה געווען צו א דרייפאכער פארטרעטונג. דעם אויבען אָן האט פארנומען די יודישע סעקציע פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פארטיי, וועמעס פארטרעטער זענען געווען פולבארעכטיגטע מיטגלידער פונ'ם קאנגרעס. אונטער די פליגלען פון דער ר. ק. פ. האט זיך אויך באהאלטען דער נאר וואס קאמוניסטיש געווארענער „בונד", וועלכער האט שוין דעמאָלט געפיהרט פארהאנדלונגען מיט דער ר. ק. פ. וועגען א פאראייניגונג און איז דערווייל צוגעלאזט געווארען אין איהר דעלעגאציע מיט בעראטונגס־רעכט. די דאזיגע ביידע גרופען האבען אויפ'ן קאנגרעס געפיהרט א קאמף צווישען זיך, אבער ביידע האבען זיך פאראייניגט צו א בשותפות'דיגען ארויסטרעטען געגען דעם ציוניזם, אזוי ווי אין די אלטע גוטע צייטען! אינ'ס צווייטען אינטערנאציאנאל האבען די דאזיגע אלטע און די פריש געבאקענע אסימילאטארען גע־שפילט אויפ'ן קאנגרעס די ראל פונ'ם „אוטשאָני יעווריי".

די באדינגונגען פאר זייערע ארויסטריטען געגען דעם ציוניזם און פועלי־ציון, זענען געווען פאר זיי ווי געוואונשען. מיכאל קאהן, וועלכער איז צוגעלאזט געווארען מיט בעראטונגס־רעכט אלס פארטרעטער פון דער סאצ. פארטיי אין ארץ ישראל (פועלי-ציון) (קורץ מ. פ. ס.) שיל־דערט אין זיין באריכט, ווי וועניג די מיטגלידער פונ'ם קאנגרעס, די

רוסישע ווי די מחוץ־רוסישע, זיינען געווען אינפארמירט וועגען די קא־
מוניסטישע פועלי־ציון. פארשטעהט זיך, אז ער פרובט אויך דא צו
מאכען דאס זינדיגע אלטע פ. ב. פאר'ן גאנצען חיב; אבער אויך די
רוסלענדישע פועלי־ציון. ובפרט אויך זיינע ענגערע חברים, די קאמוניס־
טישע פועלי־ציון, קען ער נישט איינשפארען דעם ביטערען פארוואורף,
אז זיי האבען גארנישט קיין נוטען נאמען אין די הויכע פענסטער אין
מאסקווע. פועלי־ציון זיינען נעווען די ערשטע יודישע פארטיי, וואס
האט זיך נעשטעלט אויף דער זייט פון דער ראטען־מאכט, וואס האט
נעשאפען רויטע באטאליאָנען. פאר דער שפאלטונג האט די איי־
גינע פארטיי און שפעטער די נעשפאלטענע פארטיי־צדדים (י. ס. ד.
און י. ק. פ.) איבערגענעבען דעם דריטען אינטערנאציאנאל מעמאָראנ־
דומס און נעבעטען, זיי ארייננצונעמען. נאך דעם אלעמען באקלאגט זיך
לענין, אז „די רוסישע קאמוניסטישע פארטיי מוז איסשטעהן אנ' ערנ־
סטען קאמף ניט גאר נעגען די ציוניסטען, נאר אויך נעגען די פועלי־ציון".
אז ביי אזא אטמאספערע וואלט די פאזיציע אפילו פון דעם
איבערציינסטען און פעהינסטען פארטיידיגער פינ'ם ציוניזם ניט נעווען
קיין לייכטע, וועט יעדער מודה זיין. דערצו קומט נאך צו א זעהר
עיקר'דינער מאמענט, וועלכען דער באריכט פארשווייגט בכיון. דאס איז
די איצטיגע אריענט־פאליטיק פונ'ם דריטען אינטערנאציאנאל, וואס
שטיצט זיך אויפ'ן בונד מיט די פעאדאל־רעאקציאנערע כחות אין מזרח,
מיט ענווער פאשא און קעמאל פאשא און וואס מוז ממילא זיין נענען
דעם ציוניזם.

מיר פארשטעהען בכן זעהר גוט די שווערע לאגע, אין וועלכער
דער „פועלי־ציוניסטישער דעלעגאט" האט זיך נעפונען און מיר וואלטען
ניט נעקענט האבען צו איהם קיין טענות. פארוואס ער האט דערלאזט,
אז די רעזאלוציע נענען דעם ציוניזם זאל אנגענומען, ווען מיר וואלטען
נעהאט די איבערציינונג, אז ער איז מוטיג און מיט שטאלץ ארויסגע־
טרעטען נענען דער אנטי־ציוניסטישער חרם־רעזאלוציע. אנ' אנדערע
פראגע וואלט נעווען, צי האט ער נעקענט בלייבען אויפ'ן קאנגרעס,
נאכדעם ווי די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען.

אבער דער „פועלי־ציון־פארטרעטער" פארשפארט אונז די אלע
פראגען. זיין באריכט איז — פארשטעהט זיך, נענען זיין כונה — דער
שארפסטער אנקלאג נענען דעם מחבר, זיינע אויפטראג־נעבער אין גע־
נען די, וואס האבען דעם טרוירינען מוט, צו נעמען זיין מאסקווער דע־
ביוט איף זייער כלל־חשבון. שיילט מען אב פון דעם דאקומענט די

נאנצע דעקאראטיווע שאלעכץ, אזוי בלייבט אלס קערן דער קורצער און נאקעטער אמת, אז דער „פארטרעטער פון די פועלי־ציון אין פאלעסטינא" האט אין מאסקווע מסכים געווען צו דער רעזאלוציע נעגען דעם ציוניזם.

מיר זיינען זיך באוואוסט, אז מיר זאגען דאס ארויס א שווערע באשולדיגונג און ס'איז נויטיג, דעם ענין ארומצורעדען אביסעל באריכות.

אין די טעזען בנוגע דער נאציאנאלער און קאלאניאלער פראגע געפינט זיך אזא שטעלע:

„ס'איז נויטיג צווישען די ברייטסטע ארבייטענדיגע מאסען פון אלע וכפרט פון די אבגעשטאנענע לענדער און נאציעס אהן אנ' אויפהער אויפצודעקען און אויפצוקלערען דעם באטרוג, וואס ס'באגעהען די אימפעריאליסטישע מלוכות מיט דער הילף פון די פריווילעגירטע קלאסען אין די אונטערדריקטע לענדער דערמיט, וואס, אונטער דער מאסקע פון פאליטיש אומאבהענגיגע מלוכות שאפען זיי אזעלכע מלוכה־פארמאציעס, וואס זענען עקאנאמיש, פינאנציעל און מיליטעריש אינגאנצען אבהענגיג פון זיי... *) ביי די היינטיגע אינטערנאציאנאלע פארהעלטנישען איז פאר די אבהענגיגע און שוואכע נאציעס ניטא קיין אנדערע רעטונג, ווי א בונד מיט די ראטען־רעפובליקען".

די בונדיסטען האבען צו דער דאזיגער טעזע פארגעלעגט די פאלגענדע הוספה: (ציטאטען ווי קאהן'ס באריכט)

„אלס א בולט ביישפיל פון א באטרוג איבער די ארבייטער־מאסען פון א אונטערדריקטער נאציע, ביי וועלכען עס פאראייניגען זייערע באמיהונגען סיי דער אנטאנט־אימפעריאליזם און סיי די בורזשואזיע פון דער באשטימטער נאציע, קען באצייכנעט ווערען די פאלעסטינא־אוואנטיורע פון די ציוניסטען".

„דער ציוניזם האט באוויזען זיין השפעה צו פארשפרייטען איבער א געוויסען טייל פון יודישען פראלעטאריאט, וועלכער זייענדיג ארגאניזירט אין א נאציאנאלער ארבייטער־פארטיי (פועלי־ציון) פארהילט זיך איצט אין א קאמוניסטישען שלייער און ליפערט אויס דער ענגלישער עקספלואטאציע די באמת אראבישע באפעלקערונג פון פאלעסטינא, וואו די ארבייטענדע יודען זיינען נאר א מיעוט".

ווי אזוי האט געדארפט רעאגירען אויף דער דאזיגער הוספה א „פארטרעטער פון פועלי־ציון"? איך מיין, ס'איז קלאר, אז ער האט געדארפט אויפמערקזאם מאכען דעם קאנגרעס, אז די בונדיסטען ווילען

*) דא איז שפעטער אריינגעקומען די שטעלע וועגען ציוניזם.

דאָ אריינשמוגלען זייער שנאת־ציון־קאָנטראבאנדע זוך א פֿאַלשען איוסטייטש פֿונ׳ם אלגעמיינעם נעדאַנק פֿון דער טעזע; אַז דער „בולטער ביישפּיל" איז באמת נישט מעהר ווי א דעמאגאָגישער שווינדעל. וואָרן די טעזע איז אין אלגעמיין נישט געווענדט געגען דעם עצם זעלבסשטענדיגקייט פֿון איצט אונטערדריקטע לענדער אין פֿעלקער נאָר בלויז געגען איהר פֿאַרפֿאַלשונג דורכ׳ן אימפּעריאליזם און דער היימישער בורזשואַזיע, וועלכע מיסברויכען דעם בעצם געזונטען ווילען צו נאַציאָנאַלער פֿרייהייט פֿאַר זייערע אימפּעריאַליסטישע און קלאַסענצילען. די בונדישע רעזאָלוציע אבער איז געווענדט געגען דעם ציוניזם אלס אזעלכען, ניט נאָר געגען דעם ענגלישען אימפּעריאליזם, וואָס זוכט אויסצונוצען די דאזיגע היסטאָרישע באוועגונג אינ׳ם יודישען פֿאָלק פֿאַר זיינע אינטערעסען, אויך נישט בלויז געגען דער יודישער בורזשואַזיע, וואָס פֿאַרבינדט, דעם גורל פֿונ׳ם ציוניזם מיט׳ן ענגלישען אימפּעריאליזם, טראָגט איבער קיין ארץ ישראל די קאַפּיטאליסטישע עקספּלאָאַטאַציע סיי פֿונ׳ם יודישען, סיי קודם כל פֿונ׳ם אראבישען אַרבייטער און פֿאַרשאַרפֿט אויף דעם אופֿן דעם נאַציאָנאַלען אנטאגאָניזם צווישען דער אַראַבישער און יודישער באַפֿעלקערונג. ער האָט געדאַרפֿט צוריק־ווייזן דעם בלבול, וואָס שטעקט נישט אַרויסגעזאָגטערהייט אין דער בונדישער רעזאָלוציע, אַז דעם ציוניזם האבען ערשט אויסגעקלערט די ענגלישע אימפּעריאליסטען און די יודישע בורזשואַזיע בעת דער וועלט־מלחמה. ער האט געדאַרפֿט אונטערשטרייכען, אַז דאס פּראָבלעם פֿון יודישער קאָלאָניזאַציע אין א״י צוליב דער פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער יודישער פֿראַגע איז אויפֿגעוויקעלט זייט יאהרצעהנדלינגער, נאָך איידער ס׳האט זיך עמיצען געחלומט וועגען אַן ענגלישער אָקופּאַציע אין א״י. ער האט געדאַרפֿט מיט פֿאַראַכטונג צוריקווייזען די באַליידיגונג, וואָס שטעקט דוקא אינ׳ם ערשטען זאַץ פֿון דער הוספֿה כלפּי די צעהנדליגער טויזענדער יודישע אַרבייטער, וועלכע זעהען אינ׳ם ציוניזם דעם וועג צו דער ענדגילטיגער פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער יודישער פֿראַגע. ער האט געדאַרפֿט ערקלערען, אַז יעדער אַרויסטריט אפֿילו געגען דעם בירגערליכען ציוניזם און זיין פֿאַרבינדונג מיט ענגלאַנד מוז אויסגעטייטשט ווערען פֿאַלש, אויב ס׳ווערט דערביי נישט בפֿירוש געזאָגט, אַז זי איז נישט נוגע די היסטאָרישע קאָנצעפּציע פֿונ׳ם ציוניזם אלס אזעלכע ובפֿרט דעם פּראָלעטאַרישען ציוניזם. ער האט געדאַרפֿט מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט אַרויסטרעטען געגען דעם אנצוהערעניש פֿונ׳ם לעצטען זאַץ אין דער בונדישער רעזאָלוציע, אַז אזוי ווי די אַראַבער

זיינען איצט אַ רוב אין לאַנד, איז די יודישע איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אלס אַזעלכע אַנ׳אומיושר׳דיגע, אַנ׳אימפּעריאַליסטישער עסק.

וואָס האָט דער „פּועלי־ציוניסטישער פֿאַרשטעהער" אָבער באמת געטאָן?

מיט שטאָלץ וועלען דאָ אונזערע לינקע אָנווייזען אויף דער לעצטערער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין פּלענום. דערביי איז אָבער קודם כל נויטיג צו וויסען, אַז די רעדע, ווי אַלע ציטירטע שטעלען איז, ווי ס׳ווערט בפּירוש באַמערקט אינ׳ם באַריכט גופֿא, איבערגעגעבען „פֿונ׳ם זכרון", ווייל מ׳האָט ביי קאַהנ׳ען אויפֿן וועג ציגענומען אַלע צוזאַמענגעבונדענע. דאָס איז טאַקע זעהר צום באַדויערן, וואָרין ביי אַזאַ וויכטיגער אַרויסטרעטונג, און וועלכער יערעס וואָרט קען זיין פֿון אַ געוויסער באַדייטונג, איז נויטיג צו האָבען פֿאַר זיך דעם וועריטאַבלען טעקסט, כדי צו קענען ווי געהעריג משפּט׳ען. לאָמיר האָפֿען, אַז בקרוב וועט אַרויס דער אָפֿיציעלער סטענאָגראַפֿישער פּראָטאָקאָל און מיר וועלען זיך קענען שאַפֿען אַנ׳ ענדגילטיגען אורטייל אויך אין דעם פּרט. דערווייל אָבער מוזען מיר זיך פֿאַרלאָזען אויף מיכאל קאַהנ׳ס זכרון.

וואָס׳זשע האָט ער געזאָגט?

אומזיסט זוכט איהר אין דער רעדע די אַלע אויבען אויסגערעכענטע מאָמענטען. אומזיסט זוכט איהר אַ קלאָר וואָרט וועגען דעם, אַז דער ציוניזם איז נישט קיין קאָניונקטור־פּראָדוקט פֿון דער איצטיגער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע אין א"י, נאָר אַ היסטאָרישע באַוועגונג, וואָס האָט איהר פֿעסטען יסוד אין דער אומנאָרמאַלער לאַגע פֿון די יודישע פֿאָלקס־מאַסען. אומזיסט זוכט איהר אַנ׳אָנווייז אויף דער נעוואַלטיגער טראַגעדיע פֿון די יודישע מאַסען אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז אַזוי שרעקליך פֿאַרשאַרפֿט געוואָרען דורך דער מלחמה און רעוואָלוציע. אומזיסט זוכט איהר דעם געדאַנק, אַז די יודישע איינוואַנדערונג איז להלוטין נישט נעגען די אינטערעסען פֿון דער אָרטיגער באַפֿעלקערונג און אַז די איצטיגע אַראַבישע מעהרהייט האָט ניט קיין רעכט, צו פֿאַרמאַכען די טירען פֿאַר׳ן אַרבייטענדען יודישען איינוואַנדערער, ווייל דאָס לאַנד קען ביי אַ געהעריגער ווירטשאַפֿט דערנעהרען אַ פֿילפֿאַכע צאָהל איינוואוינער ווי די היינטיגע. וואָס די רעדע זאָגט וועגען דעם פּראָגראַם פֿונ׳ם פּועלי־ציוניזם, איז אַזוי בלייך און מאָגער, אַז מ׳קען זעהר מסופּק זיין, צי קען עס עמיצען איבערצייגען.

ס׳רעדט זיך וועגען דעם, אַז די יודישע עמיגראַציע, בפֿרט פֿון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועט זיך אויך אויף להבא ניט אָבשטעלען און

אנ'אר'ץ גרעסערער טייל וועט נעהן קיין פאלעסטינא. און ,ווען די פּאָליטישע מאַכט אין מזרח וועט זיך געפינען אין די הענד פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, ווען אַ סאָוועט־פּאַלעסטינא וועט זיין אַנגעשלאָסען די אַנדערע ראַטען־רעפּובליקען", וועט דער וועלט־יודנטשאפסראַט דאַרפען באַוואוּסט רעגולירען די יודישע עמיגראַציע קיין א"י ישראל.

אָט דאס איז דער קאָמוניסטישער פּועלי־ציוניזם !

אנ' אומקלאָרע, פאַרשוואומענע לעתיד־לבוא־קאָנצעפּציע, אָהן פליישׁ און בלוט. מעהר האָט דער פּועלי־ציוניסטישער פאַרטרעטער נישט געהאַט צו זאגען וועגען דעם פּראָלעטאַרישען ציוניזם. אָדער איינענטליך דאָך. ער האָט אריינגעגעבען אין נדן די מ. פּ. ס. פון א"י, וועגען וועלכער ער האָט אונטערגעבלאָזט אויף אַ גאַנץ נישט קשה־דינען שטייגער. מיר ווערען דא געוואהר, אַז די מ. פּ. ס. פאַראייניגט ,אַרום זיך אַ תמיד וואַקסענדע צאהל פון יודישע און אראבישע פּראלעטאריער, כדי זיי צו פיהרען צום קאַמפף געגען דעם ענגלישען אימפעריאליזם און זיינע וואסאלען, די אראבישע ערפענדים און יודישע בורזשואזיע". ,אַזוי איז אונזער פאַרטיי די איינציגע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אויפ'ן אַראבישען מזרח, וועלכע נעמט אויף זיך די אויפגאַבע, צוציהען צום קאָמוניזם די ברייטע מאסען פון די אָרטיגע פּראלעטאריער און פעלאַכען".

שטיצען די דאָזיגע פּאַרטיי אין איהר אַרבייט. דאס איז די עיקר־אויפגאַבע פונ'ם קאָמוניסטישען פּועלי־ציוניזם אין דער גאַנצער וועלט.

דאס איז אלץ. וואָס איהר נעפינט אין דער רעדע וועגען די אויפפאַסונגען און אויפגאַבען פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג אין א"י ישראל און אין גלות.

דערפאַר נעפינט אָבער מיכאל קאהן נעגוג צייט, כדי צו באַווייזען, ווי נערעכט ס'איז דער ערשטער טייל פון דער בונדישער רעזאָלוציע. זיין ערשטער זאַכליכער זאַץ וועגען דעם ציוניזם איז :

,איך האב נישט קיין שום טענות נעגען דעם ערשטען טייל פון דער רעזאלוציע, וועלכע באַצייכענט דעם ציוניזם אלס פאַרבינדעטען פונ'ם ענגלישען אימפעריאליזם". ווייטער קומט א פרוב צו שילדערן די קאמפּליצירטע אימפעריאליסטישע אין היימיש־פעדאַלע אינטערעסען און אינטריגעס אין ארץ־ישראל זייט דער ענגלישער אקופּאציע. און דער מחבר פאַרפּלאָנטערט זיך דערביי אין א נעץ פון סתירות, וואס באַווייזען דוקא ניט קיין שטאַרקע באַהאוועמקייט אין דעם ענין. אבער דער עיקר איז, אז דער בירגערליכער ציוניזם איז א משרת ביים ענגלי־

שען אימפעריאליזם, די „אחדות־העבודה" כיזע, איז א וועקציינג פֿונ'ם ציוניסטישען בירגערטום. בכן איז דאך דער ערשטער זאץ פֿון דער בונדישער רעזאלוציע כולו אמת און מיכאל קאהן שרייבט איהם אונטער מיט ביידע הענד און אהן שום באדינגונגען. ער פֿארלאנגט ניט די בפֿירושע ערקלערונג, אז די רעזאלוציע איז ניט נוגע דעם געדאנק וועגען שאפֿען אין א"י אן ארבייטס־צענטער פֿאר די אידישע וואנדערנדיגע מאסען אלס אזעלכען, ער פֿארלאנגט ניט אפֿילו די בפֿירושע ערקלערונג, אז דער קאנגרעס וויל מיט דער רעזאלוציע ניט פֿאר־משפּט'ען דעם פּועלי־ציוניזם. ער פֿארלאנגט לסוף ניט, אז ס'זאל ארויספֿאלען דער אנווייז אויף דער אראבישער מערהייט אין לאנד.

און די דאזיגע באַנציעשונגסטאקטיק פֿיהרט ער קאנסעקווענט דורך אויך אין דער קאמיסיע, וואוהין די רעזאלוציע ווערט נאך אמאל צוריקגעשיקט. ער מאכט נאך א שוואכען פּרוב, פּטור צו ווערען די גאנצע רעזאלוציע מיט'ן פֿארמאלען טעם, אז ס'איז דאך אנגענומען דער פּרינציפּ, נישט אנצואווייזען אויף איינצעלנע באשלוסען. אבער ער לאזט זיך באלד איבערצייגען, אז „דער אינטערעס פֿון דער אידישער קאמוניסטישער באוועגונג אין רוסלאנד פֿאדערט א פֿאראורטיילונג פֿונ'ם בירגערליכען ציוניזם." ער שרייבט אויך דא אונטער, אז „דווקא מיר, וואס מיר באקעמפֿען דעם בירגערליכען ציוניזם, האבען קיין שום פּרינציפּיעלע סבות, ארויסצוטרעטען געגען דעם טייל פֿון דער רעזאלוציע, וועלכע זאגט זיך ארויס געגען דעם ציוניזם". מיט א טריומף דערצהלט אונז דער באריכט:

„די קאמיסיע האט דאן באשלאסען אבצואווארפֿען דעם זאץ פֿונ'ם בונדישען אנטראג, וואס איז געריכטעט געגען די פּועלי־ציון, איבערלאזענדיג דעם ערשטען זאץ, וואס פֿאראורטיילט דעם בירגערליכען ציוניזם".

בקיצור: די בונדיסטען האבען, ווי מ'זעהט, געהאט א ביטערע מפּלה. די גאראנים! זיי האבען געמאכט דעם חשבון אהן מיכאל קאהן!

איין קשיא בלייבט נאר, וואס עובר'ט אביסעל אין מוח, די אלטע קשיא: פֿארוואס באהאלט מען נאך אלץ פֿאר אונז די דאזיגע רעזאלוציע, וועלכע איז דאך אזא גרויסער נצחון פֿונ'ם פּועלי־ציוניזם?

דער תירוץ איז א פּשוט'ער. די רעזאלוציע רעדט פֿאר זיך. זי לייענט זיך אין איהר ענדגילטיגער פֿארם אזוי:

אַלס אַ בולטער ביישפּיל פֿונם באַזון: איבער די אַרבייטענדיגע קלאַסען פֿון אַן אונטערדריקט פֿאָלק, צו וועלכען ס'פֿאַראייניגען זייערע אָנשטרענגונגען דער אַנטאַגאָניסט־אימפּעריאַליזם און די בורזשואַזיע פֿון יענער נאַציע, קען באַצייכענט ווערען די פּאַלעסטינא־אַפֿערע פֿון די ציוניסטען (ווי דער ציוניזם בכלל ענטפּערט איבער אונטערן דעקמאַנטעל פֿון דער שאַפֿונג פֿון אַ יודישער מלוכה אין פּאַלעסטינא די פּאַקטישע אַראַבישע אַרבייטער באַפֿעלקערונג פֿון פּאַלעסטינאַ, וואו די אַרבייטענדיגע יודען זיינען נאָר אַ קליינע מינאָריטעט, דער עקספּלאָאַטאַציע פֿון ענגלאַנד)."

פֿאַרגלייכט מען דעם דאָזיגען נייעם טעקסט מיט'ן ערשטען בונדישען, אַזוי ווערט תיכף קלאָר, אַז בעיקר איז צווישען זיי נישטאָ קיין שום הלוק. ס'איז, אמת, אַרויסגעפֿאַלען דער בפֿירושער אָנווייז אויף די פּועלי־ציון. אָבער נישט נאָר אַז אין דעם נייעם טעקסט נישטאָ קיין שום רמז, אַז די רעזאָלוציע מיינט נאָר דעם בירגערליכען ציוניזם און נישט די פּועלי־ציון, נאָר פֿאַרקערט, ס'ווערט אונטערגעשטראָכען, אַז דער הרם ווערט געוואָרפֿען אויפֿ'ן "ציוניזם בכלל". סיי דער דאָזיגער אויסדרוק, סיי די ווערטער וועגען דעם "באַטרוג איבער די אַרבייטענדיגע קלאַסען", סיי לסוף דער אָנווייז אויף דער "פֿאַקטישער אַראַבישער באַפֿעלקערונג פֿון פּאַלעסטינא, וואו די אַרבייטענדיגע יודען זיינען נאָר אַ קליינע מינאָריטעט", דערלאָזען נישט קיין שום ספֿק, אַז דאָ מיינט מען נישט דעם צו יענעם פֿלינגעל פֿונם ציוניזם, נאָר מאַכט דעם ציוניזם בכלל, אין אַלע זיינע שאַטירונגען און ריכטונגען, פֿון מיזרחי ביז להבדיל י. ק. פּ.

און באמת וואָגען אונזערע "לינקע" מאַכע נישט צו געבען אַן אַנדערען פּירוש אויף די קלאָרע דבורים פֿון דער רעזאָלוציע. אלא וואָס דען? זיי זיינען געפֿאַלען אויף אַ קלאָסישער הסברה: דער נייער נוסח פֿון דער רעזאָלוציע איז פּשוט אַ טעות, געמיינט האָט מען דעם היפּוך פֿון דעם, וואָס אין דער רעזאָלוציע שטעהט. און אָט ווי דער אומגליק איז געשעהן.

"די טעזען בכלל, ווי אויך דער צוזאַץ איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַן ענדגילטיגער רעדאַקציע אַ קאָמיסיע פֿון צוויי חברים, וועלכע האָט ווי דאַן געזאָלט פֿאַר־ליינען דער קאָמיסיע אָדער דעם פּלענום צום ענדגילטיגען באַשלוס. צוליב דער קורצקייט פֿון דער צייט, ווי אויך מחמת די אויסעראָרדענטליכע באַדינגונגען, אונטער וועלכע עס איז אין די לעצטע טעג אויסגעקומען צו אַרבייטען דעם קאָנגרעס האָט

די רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע ניט פֿאָרגעלייגט די רעדיגירטע טעזיסן נישט דעם קאָנגרעס און נישט דער קאָמיסיע. און אויף דעם אופֿן זיינען זיי פֿאַרעפֿנטליכט געוואָרען אין דער פֿאָרמולירונג פֿון דער רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע.

„דערביי האָט די רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע געמאַכט אַ עצם'דיגען טעות, וועמענס באַדייטונג — ווי חבר מיכאל האָט שפּעטער אין אַ פּריוואַטען שמועס פֿעסטגעשטעלט — עס האָבען נישט דערקענט די חברים פֿון דער רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע. לויט דעם זין און לויט דער פֿאָרמולירונג פֿון די באַשלוסען פֿון דער קאָמיסיע פֿאַר נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע פֿראַגען האָט געזאָלט די שטעלע פֿון צווייטען זאַץ פֿון דעם בונדישען אַנטראַג, וואָס פֿאַראורטיילט דעם פּועלי ציוניזם בכלל געשטראָכען ווערען, בעת דער איבריגער טעקסט פֿון דעם דאָזיגען אַבזאַץ האָט געזאָלט פֿאַרבונדען ווערען מיט דעם ערשטען אַבזאַץ אויף אַזאַ אופֿן, אַז עס זאָל דייטליך צום אויסדרוק קומען, אַז דער קאָנגרעס פֿאַראורטיילט דעם בירגערליכען ציוניזם, וועלכער וויל גרינדען אַ יודענשטאַאט אין פּאַלעסטינאַ.

„די רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע האָט געגלויבט דעם דאָזיגען זין אַם בעסטען פֿאָרמולירען אין דער פֿאָרם, ווי ווי איז אין די טעזיסן פֿאַרעפֿנטליכט געוואָרען.

„דער קאָנגרעס ווי אויך די קאָמיסיע פֿאַר נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע פֿראַגען און דאָס רעדאַקציאָנס־קאָלעגיום זיינען זיך באַוואוסט געווען, אַז די אַנטי־ציוניסטישע רעזאָלוציע באַרירט אויף קיין פֿאַל נישט דעם פּועלי ציוניזם, זי פֿאַראורטיילט נאָר איינציג און אַליין דעם בירגערליכען ציוניזם, דאָס האָבען אויך די מיטגלידער פֿון דער רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע שפּעטער פּערזענליך ערקלערט דעם חבר מיכאל.“

מיינען די לינקע קאַרפּענקעס באמת, אַז ס'וועט זיך געפֿינען אַן ערנסטער מענש, וואָס וועט זיך לאָזען באַרוהיגען מיט אַזאַ מין תירוץ? פֿיהלען זיי דען ניט די גאַנצע קלאָגעדיגקייט און לעכערליכקייט פֿון דער אויסרייד? פֿון וואַנען דערנעמט זיך ביי זיי די העזה, צו ערקלערען די רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע, וועלכער מ'האָט איבערגעגעבען אַזאַ אחריות'פֿולען ענין, ווי די ענדגילטיגע פֿאָרמולירונג פֿון אַ רעזאָלוציע אַרום וועלכער ס'איז פֿאָרגעקומען, ווי קאָהן דערצעהלט אונז, אַזאַ שווערער קאַמף פֿאַר פּיטשע עס האַריצים, וואָס פֿאַרשטעהען ניט דעם זין פֿון זייערע אייגענע ווערטער? וועלכער מענש מיט פֿינף געזונטע חושים

וועט גלויבען, אז אזיב צוויי אינטעליגענטע פאליטיקער וועלען אויפ'ן יסוד פון א לאנגער דיסקוסיע און א בפירושען באשלוס וועלען אונ־טערשטרייכען, אז מ'מיינט איינציג און אליין דעם בירגערליכען ציוניזם, וועלען זיי פונקט שרייבען „ציוניזם בכלל"? דער פשוטער שכל הישר פראטעסטירט נעגען דעם דאזיגען קינדישען פרוב, אויף אזא אימנע־לומפערטען אופן צו באהאנדלען ערנסטע פאליטישע דאקומענטען.

אמת, מיכאל קאהן פארזיכערט אונז, אז אין א פריוואטען שמועס האבען די מיטגלידער פון דער רעדאקציאנס־קאלעגיע מודה געווען, אז דא איז פארגעקומען א טעות. זאל' זשע אונז דערלויבט זיין, צו גלוי־בען, אז נישט נאר דער אביעקטיווער אמת, נאר קודם כל דער כבוד פונ'ם קאמוניסטיש'ען אינטערנאציאנאל וואלט אין אזא פאל געפא־דערט, אז קיין איין טאג זאל ניט בלייבען שטעהן אין זיינע טעזען א נוסח, וואס שטעהט אין היפוך צו דער אמת'ער מיינונג פונ'ם קאנגרעס און אפילו פון די מחברים גופא. און מיר זיינען ניט מסופק, אז אזא ערקלערונג וואלט תיכף אפיציעל געמאכט געווארען.

דאס איז אבער ביז היינט נישט געשעהן. אונז איז אויך ניט באקאנט, אז מיכאל קאהן אליין זאל האבען אין רוסלאנד אויף וועל־כען ס'איז עפענטליכען אופן, אין אנ' אפיציעלער צייטונג צי האטש אין אנ' ארגאן פון די רוסלענדישע פועלי־ציון, פעסגעשטעלט דעם ענין אין דעם זין, ווי ער און דאס לינקע פ. ב. פרובט עס טון איצט, נאך מעהר ווי א האלב יאהר.

און אזיב אזוי וועלען זיי אונז שוין מוזען מוחל זיין, אויב מיר דערלויבען זיך, צו האלטען זיך ביי אונזערע ספקות וועגען דער גענוי־אינקייט פון דעם באריכט אין דעם פ"ט. די יודישע ארבייטער־עפענט־ליכקייט, הויך אבשר עטליכע לינקע פאנאטיקער, וועט געהעריג אפ־שאצען סיי די טעטיגקייט פונ'ם „פועלי־ציוניסטישען פארטרעטער" אין מאסקווע, סיי דעם אופן, מיט וועלכען ער פרובט זיך צו רעהאביליטי־רען. זי וועט דערביי אויך גוט געדענקען די אפיציעלע העכסטע אינ־סטאנץ פונ'ם „לינקען" וועלט־פארבאנד, וואס האט געגעבען איהר האנד, איבערצופאלשעווען די מאסקווער מפלה אין א גרויסען נצחון, האט זיך סאלידאריזירט מיט מיכאל קאהן'ס הסכמה צום אנטי־ציוניס־טישען הרב, ארויסזאגענדיג איהם אפילו א דאנק דערפאר.

זי וועט עס געדענקען און דערפון לערנען, ווי ווייט אונזערע „רעוואלוציאנערע" גבורים זיינען שוין, פארקראכען.

.III

מאירזאָן און זיין שותף.

נעבענשטע הענד האבען זיי. אונזערע לינקע! נאך אידער זיי האבען זיך אָבגערוהט פון דער שווערער עבודה, איבערצו׳כשופ׳ן דעם מאסקווער חרם אויף א נצחון פון פועלי־ציון, איבערראשען זיי אונז שוין מיט א נייעם אויפטו, וואס איז כמעט נאך געניאלער ווי דער ערשטער.

מיכאל קאהן׳ס טעטינקייט אין מאסקווע האט זיך מיט׳ן צווייטען קאנגרעס פונ׳ם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל ניט געענדיגט. ער האט נאך דערנאך געפיהרט פארהאנדלונגען מיט׳ן אויספיהר־קאמיטעט, וועגען וועלכע מיר לייענען אינ׳ם דערמאנטען באריכט:

„אלס פארטרעטער פון דער ס. א. פ. (פועלי־ציון) אין פאלעס־טינא, וועמענס דעלעגאט חבר מיכאל איז פא־מעל געווען אויפ׳ן צווייטען קאנגרעס האט ער זיך אצינד ווייטער באמיהט, כדי פארצובריי־טען די ענדגילטיגע אויפנאמע פון דער פאלעסטינער פארטיי. אויף דער פלענאר־זיצונג פונ׳ם אויספיהר־קאמיטעט פון 21 סעפטעמבער 1920, וואו עס איז אפגענעבען געווארען א באריכט וועגען דער טעטיגקייט פון דער ס. א. פ. (פועלי־ציון) אין פאלעסטינא, און אויף וועלכער עס זיינען באטראכט געווארען די איינגעארטיגע קאמפס־באדינגונגען פון דער פארטיי, איז אויף אן אנטראג פון חבר בוכארין אנגענומען געווא־רען פאלגענדע רעזאלוציע:

„דער אויספיהר־קאמיטעט פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל באשטעטיגענדיג זיין פריערדיגען באשלוס וועגען דער פועלי־ציון־פארטיי, באגריסט דעם אנהויב פון א רעוואלוציאנערער ארבייטער־באוועגונג אין פאלעסטינא און לענט פאר דער סאציאליסטישער ארבייטער־פארטיי פון פאלעסטינא (פועלי־ציון):

1.) קודם כל באטראכטען און דורכפיהרען אין לעבען די בא־שלוסען פון 2. קאנגרעס פון .III אינטערנאציאנאל, בפרט אלע פונק־טען פון די אויפנאמס־באדינגונגען אין קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל;

2.) ענדערן אין הסכם דערמיט דעם נאמען פון דער פארטיי;

ערשט דאן וועט קאנען געשטעלט די פראגע וועגען דעם אנ־שלוס פון דער פארטיי צום קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל."

און דאס לינקע פ. ב. איז אויך אין דעם פאל ניט קיין קמצן, און נעמט אן די פאלגענדע רעזאלוציע:

„דאָס פּ. ב. דאנקט דעם חבר מיכאל פֿאַר זיינע באַמיהונגען, וואס האבען געבראַכט דערצו, אז דער אויספֿיהר־קאָמיטעט פֿון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל האט באַגריסט אינזער ברודער־פּארטיי, די ס. א. פּ. (פּועלי ציון) אין פּאלעסטינא אלס די רעוואלוציאַנערע ארבייטער־פּארטיי פֿון ארץ־ישראל און האט מסכים געווען אין פּרינציפּ זי איינצונעמען אלס גלייכבארעכטיגטען מיטגליד פֿונ'ם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, נאכדעם ווי די פּארטיי וועט באַטראַכטען און אננעמען די 21 איינאַמס־באדינגונגען פֿון צווייטען קאנגרעס."

איז דאָך, דאכט זיך, מאקע פֿיין און וואויל. לייענט מען אבער אויפֿמערקזאמער די רעזאלוציע פֿונ'ם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אזוי גנב'נען זיך באלד אריין אפיקורסישע ספקות וועגען דעם. צו פּירושט מאַקע דאס לינקע פּ״באַנדס־ביורא ריכטיג אויס די דאזיגע רעזאלוציע. ביי דעם נאַצען איינבאַנרעניצטען דרך איין פֿאַר דער אויטאריטעט פֿונ'ם לינקען פּ. ב. מוז מען פֿרעגען עטליכע קשיות.

ערשטענס: צי איז מאקע די ערקלערונג, אז עושט נאַן דער דורכפֿיהרונג פֿון באַשטימטע באדינגונגען „וועט קאנען געשטעלט ווערען די פֿראגע וועגען דעם אנשלוס פֿון דער פּארטיי צום קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל" באמת דאסזעלבע ווי „מסכים זיין אין פּרינציפּ זי איינצונעמען אלס גלייכבערעכטיגטען מיטגליד?" קען עס ניט הייסען פֿאַרקעהרט. אז ביז דעמאלט וויל דער ע. ק. גארנישט פֿאַרהאנדלען וועגען דער פֿראַגע, אבער אז איך דערנאך לאזט ער זיך פֿרייע האַנד?

צווייטענס: באַציהט זיך די פֿאָדערונג, דורכצופֿיהרען אין לעבען אלע באשלוסען פֿונ'ם צווייטען קאָנגרעס פֿונ'ם III. אינטערנאַציאָנאל אויך אויף דער הרם־רעזאָלוציע, אָדער ניין? דאָס לעצטע וואָלט מען געקענט ערקלערען נאָר אין פֿאַל, אויב דער ע. ק. האָט באַנוצט די דאָזיגע זיצונג, כדי פֿעסטצושטעלען, דעם דערמאַנטען „רעדאקציאָנעלען טעות" אין דער פֿאָרמולירונג פֿון דעם פּונקט. אויב אָבער דער ע. ק. האָט דעם דאָזיגען פּונקט נישט בפּירוש אויסגענומען פֿון זיין פֿאָדערונג, וואָלט מען געמוזט טייטשען, אַז אויך די אקטיווע דורכפֿיהרונג פֿון דער אַנטי־ציוניסטישער רעזאָלוציע איז א פֿאָרבאַדינג פֿאַר יעדען משא ומתן מיט דער דאָזיגער איידינער גרופּע. טאָ, ווי קען דאָס לינקע פּ. ב. רעדען פֿון אַנ' ערפֿאָלג?

דריטענס: איז עס א צופאַל, אז דאס לינקע פּ. ב. פֿאַרגעסט אין זיין פּירוש אינגאנצען דעם פּונקט וועגען שנוי השם? ס'וואלט דאָך אינטערעסאַנט געווען, צו וויסען, צי טייטשט איהם דאס פּ. ב. אזוי

אז די פארטיי מוז זיך אנרופֿן קאמוניסטיש, צו אפשר מיינט גאר דער ע. ק. אויך, אז זי מוז זיך אבזאגן פֿונ'ם נאמען פועלי־ציון?

און דאס לינקע פֿ. ב. וואלט געקענט אויף דער פֿראגע ענטפֿערן, ווען עס זאגט אונז. —

פֿערטענס: וואס איז דער טייטש פֿון די ווערטער „באשטעטיגענדיג דעם פֿריערדיגען באשלוס וועגען דער פועלי-ציון־פארטיי?“ מיר למשל ווייסען, אז סיי די כאצ. דעמ. פארטיי פועלי־ציון סיי די י. ק. פ. אין רוסלאנד האָבען אויף זייערע מעמארנאדומ'ס וועגען אריינגענומען ווערען אין קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל באקומען אנ' אבזאג און אז אלס איינע פֿון די הויפט־טעמים איז לפחות ביי די י. ס. ד. בפירוש אנגעגעבען געווארען איהר פאלעסטינא-פראגראם. איז דאס דער דאזיגער באשלוס געמיינט? אויב יא, הינקט דאך אינטער דער גאנצער פירוש פֿונ'ם פֿ. ב.; אויב ניט, פֿאר וואס זאגט מען אונז ניט, [illegible] אנדערען באשלוס דער ע. ק. מיינט. און אויב דאס לינקע פֿ ב. ווייסט אליין נישט, טא קען מען דאך מיינען, אז עס האט פֿריהער גערארפֿט ארויסקריגען די דאזיגע רעזאלוציע, איידער עס האט גענומען פירושען דעם באשלוס פֿונ'ם ע. ק.

און צום סוף נאך אנ' אינטריסק־עטע פֿראגע. וואלט נישט מעגליך געווען, אז מ'זאל אונז דערצעהלען אביסעל גענויער וועגען דעם פֿארלויף פֿון דער זיצונג גופא, איידער דער ע. ק. האט אנגענומען זיין באשלוס? אפשר וואלט אינז דאס לייכטער געמאכט, אבצושאצען זיין ווערט און באדייטונג? זעהט אויס, אז דאס לינקע פֿ. ב. האלט זעהר פֿון רעוואליציאנע־ער קאנספיראציע.

מיר האָפֿען אבער, אז מ'וועט עס נישט פֿארעכענען פֿאר קיין קאנטער־רעוואלוציאנערער אינטריגע, אויב מיר וועלען זיך דערלויבען, אביסעל אריינצולייכטען אין די דאזיגע סודות פֿונ'ם לינקען פֿ. ב.

פֿון דער דאזיגער זיצונג פֿונ'ם מאסקווער עקזעקוטיוו־קאמיטעט זיינען מיר שוין מיט חדשים צוריק געוואהר געווארען פֿון אנ' אנדערען צד, טאקע פֿון דעם עקזעקוטיוו-קאמיטעט גופא. און דער לעצטער שטעלט פֿאר דעם ענין — מכתב, מעשה שטן, ווידער על פי טעות — אביסעל אנדערש. דער אפֿיציעלער פראטאקאל פון דער דאזיגער זיצונג איז געווען געדרוקט אין דער „פראוודא“ פֿונ'ם 23 סעפטעמבער 1920, איצט געפֿינען מיר איהם וואָרט ביי וואָרט אויך אינ'ם נומ. 14 פֿונ'ם אפֿיציעלען ארגאן פֿונ'ם מאסקווער עקזעקוטיוו־קאמיטעט „קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל“. ער לייענט זיך אזוי:

.א פֿאַרטרעטער פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער־פּאַרטיי פֿון פּאַלעסטינאַ (פּועלי־ציון) האָט געגעבן אַ באַריכט איבער דער טעטיקייט פֿון דער פּאַרטיי.

דער רעפֿערענט האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז די פּאַרטיי, וועלכע ער פֿאַרטרעט, שטעלט לויט איהר מהות פֿאָר די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון פּאַלעסטינאַ און מצרים. זי האָט בלויז צוליב טאַקטישע טעמים אָנגענומען דעם נאָמען פֿון דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון", וואָס האָט פֿריהער באַשטאַנען אין ארץ־ישראל, נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעמעקט דאָס וואָרט „יודישע". די פּאַרטיי האָט נישט קיין שום שיכות מיט דער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי פּועלי־ציון.

די סאָציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטיי אין פּאַלעסטינאַ פֿיהרט אָן אַ טעטיגקייט צווישען אַלע אַרבייטענדע אין פּאַלעסטינאַ און מצרים סיי צווישען די יודען, סיי צווישען די אַראַבער. די פּאַרטיי מוז דערביי נובר זיין גרויסע שוועריגקייטען, קודם כל דעם אומצוטרוי פֿון דער איינגעבוירענער באַפֿעלקערונג צו די אייראָפּעאישע אַרבייטער. פֿונדעסטוועגן באַשטעהען די מאַסען, אויף וועלכע די פּאַרטיי פֿאַרשפּרייט איהר השפּעה, שוין איצט צום גרעסטען טייל אויס אַראַבישע אַרבייטער. צווישען די אָרגאַניזירטע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי זיינען די יודישע אַרבייטער דער רוב.

פֿון דעם באַריכט און דער שפּעטערדיגער דיסקוסיע, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די סאָציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטיי פֿון פּאַלעסטינאַ איז אַרויף אויפֿ'ן ריכטיגען וועג פֿון רעוואָלוציאָנערער אַרבייט צווישען אַלע אַרבייטענדיגע פֿון א"י און מצרים, זי האָט זיך אָבער דערווייל נאָך נישט גענוג אָנטשלאָגען באַפֿרייט פֿון די בירגערליך־נאַציאָנאַליסטישע פֿאָראורטיילען.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט דעריבער אָנגענומען דעם פֿאָלגענדעם באַשלוס: . . .

(דאָ קומט דער אויבען ציטירטער באַשלוס)

אויך דער דאָזיגער פּראָטאָקאָל איז באַקאַנט זייט כמעט אַ האַלב יאָהר. דעם 6. נאָוועמבער איז ער פּובליקירט געוואָרען אין'ם ווינער „יודישען אַרבייטער" און שפּעטער אין אַ שורה אַנדערע ציימונגען. נאָר דאָס לינקע פֿאַרבאַנדס־ביוראָ אין זיינע אָרגאַנען האָבען זיך געמאַכט כלא יודעים. און נישט אומזיסט. וואָרן דער דאָזיגער באַשלוס פֿונ'ם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, נישט צו באַהאַנדלען אפילו די פֿראַגע וועגען אַריינגעמען די נ. פּ. ס. אײדער זי וועט זיך נישט האָבען אָב־

נעזאָנט פֿונ'ם נאָמען פּועלי־ציון, דעם לעצטען סימן פֿון איהרע „ביר־
נערליך־נאַציאָנאַליסטישע פֿאָראורטיילען", הגם איהר פֿארטרעטער האָט
ערקלערט, אז זי האט־גע'ירשנ'ט דעם נאָמען פֿון דער אַמאָליגער פּאַר־
טיי פּועלי־ציון נאָר לשם פּאַקטיק — דער דאָזיגער באַשלוס האט
געמוזט ווירקען ווי אַ שטראָם קאַלט וואַסער אויף דער התלהבות פֿון
די אנהענגער פֿונ'ם צוטריט אָהן תנאים צום דריטען אינטערנאַציאָנאַל.
האט מען זיך אויך דאָסמאָל געהאַלטען אָן דעם אַלטען דיפּלאָמאַטישען
כלל: שווייגען איז נאָלד. מ'האָט שטילערהייט אראָבגעשלונגען אויך
די דאָזיגע צווייטע ביטערע פּיל פֿון מאָסקווע און פֿאר'ן איינענעם פּאַר־
טיי־עולם געמאַכט א פּנים, גלייך מאָסקווע וואַרט טאַקע מיט אָפֿענע
אָרעמס אויפֿ'ן לינקען וועלט־פֿארבאַנד פּועלי־ציון.

א לעצטען רעשט פֿון פּאָליטישען ריינקייטס־געפֿיהל האָבען אָבער
אויך די לינקע — לכל הפּחות זייער גרויסער רוב — זיך ביי דעם
אַלעמען דאָך נאָך געהאַט אָבגעהיט. אַ הויך די פּראַגער פֿאראַיאָהריגע
הירד־ציוניסטען און היינטיגע הורא־קאָמוניסטען און דער רוסלענדישער
י.ק.פּ. האָבען זיי אַלע געהאַלטען פֿאַר נויטיג, זיך אָבצוטרייסלען פֿונ'ם
„באַריהמטען" אוואַנטיוריסט מאירזאָן, וועלכער איז עס געווען אויף דער
זיצונג אין מאָסקווע דער פֿארטרעטער פֿון דער מ. פּ. ס. — ווי מיר
האָבען ביז איצט געמיינט, דער איינציגער. דאָס איז דערזעלבער מאיר־
זאָן, וועלכער איז געקומען צו דער פֿינפֿטער וועלט־קאָנפֿערענץ אלס
פֿארטרעטער פֿון דער מ. פּ. ס. און האָט געקעמפֿט ווי אַ לייב, צו־
געלאָזט צו ווערען דוקא מיט ישטים־רעכט, ווייל זיין פּאַרטיי איז עס דאָך
די אמת'ע יודישע פֿון דער אַלטער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. דאָס אַוועק־
לאָזען פֿונ'ם וואָרט „יודיש" אוס'ן נאָמען, האָט ער גע'טענה'ט, איז
געווען פּשוט, ווייל ביי פּועלי־ציון פֿארשטעהט עס זיך דאָך פֿון זיך
אַליין. דער אַוואַנטיוריסט, וואָס האָט אין ווין גע'טענה'ט פּונקט דעם
היפּך ווי אין מאָסקווע איז שפּעטער פֿון די לינקע אליין, שוין נאָך
דער שפּאַלטונג, ארויסגעוואָרפֿען געוואָרען פֿון דער וועלט־קאָנפֿערענץ
פֿאַר זיינע שענדליכע בלבולים אויף די יודישע ארבייטער אין א"י און
פֿאַר זיינע אנטי־פּועלי־ציוניסטישע שקרים בנוגע א"י בכלל.

אפּילו די מ. פּ. ס. גופא האָט נאָך דער וועלטקאָנפֿערענץ
עפֿענטליך ערקלערט, אז מאירזאָן האָט אין ווין נישט פֿארטרעטען איהר
שטאַנדפּונקט, הגם זי האָט גלייכצייטיג פּראָטעסטירט נעגען זיין אויס־
שלוס און איהם אַרויסגעזאָגט א דאנק פֿאַר זיין טעטיגקייט אין אויסלאַנד.
אָבער דער דאָזיגער דאַנק האָט נאָר נישט געשמעקט דעם לינקען פּ.־ב.

וואָס האָט ספּעציעל זיך מעשה מאָסקווע בײ יעדער געלעגענהייט
אונטערגעשטראָכען, אַז מאירזאָן שטעהט מחוץ דער פּועלי־ציון־באַוועגונג
— נישט דערצעהלענדיג דערבײ די מעשה מאָסקווע גופא. די „יעווּ־
רעיסקאַיאַ פּראָלעטאַרסקאַיאַ מיסל" דער אָרגאַן פון די סאָצ.־דעמ.
פּועלי־ציון אין רוסלאַנד, האָט אלס די איינציגע צייטונג פון אַ פּאַרטײ,
וואָס שטעהט פאָרמעל אינ'ם לינקען פאַרבאַנד ברייט ארומגערעדט
מאירזאָן'ס ארויסטריט אויף דער מאָסקווער זיצונג און נישט געפונען
קיין אנדערען אויסדרוק פאַר מאירזאָן'ס התנהגות, ווי „באַפּען פיש
אינ'ם מוטנעם וואַסער פון שנאת־ציון".

בקיצור, די לינקע האָבען מיט אלע כחות געזוכט זיך אָבצוּ־
גרעניצען פון דעם דאָזיגען פאַ־שווין, און ביז אין דער גאָר לעצטער
צייט וואָלטען זײ עס באַטראַכט פאַר אַ פּחיתת הכבוד, צו האָבען מיט
איהם וועלכע ס'איז שיכות.

איצט שטעלט זיך ארויס, וואָס מ'האָט זיך פריהער נאָר זעהר
אומזיכער געקענט משער זיין, אַז מיכאל קאָהן האָט געמאַכט יד אחת
מיט מאירזאַנ'ען; ער איז געווען בײ דער זיצונג פונ'ם 21 סעפּטעמבער
און האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט מאירזאָן'ס ערקלערונגען פאַר'ן עקזע־
קוטיוו־קאָמיטעט. וואָס זאָגט דערצו דאָס לינקע פאַרבאנדס־ביוראָ?
ערקלערט עס מיכאל קאָהן פאַר דעם זעלבען עוכר־פּועלי־ציוניזם ווי
זיין שותף מאירזאָן? הלילה וחס! עס דערצעהלט איצט ערשט רעכט
נישט דעם עולם די גאַנצע מעשה מאירזאָן אין מאָסקווע; פאַרשווייגט
די ערקלערונגען, וואָס ער און מיכאל קאָהן האָבען אָבגעגעבען וועגען
דער פּאַרטײ, פאַר וועלכער זײ האָבען פאַרלאַנגט אַנ'איינמיטיגס בילעט
אין דריטען אינטערנאַציאָנאַל; מ'פאַלשט אויף דעם אופן מיט אַ קלאָרער
כונה דעם גאַנצען זין פון דער החלטה פונ'ם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט,
און פאַרוואַנדעלט דעם בפירוש'ען אָבזאָג, אײנצוּנעמען די מ. פ. ס.
מהמת דעם בלויזען, אינהאלטסלאָזען נאָמען פּועלי־ציון אין אַ פּרינ־
ציפּיעלער הסכמה, אויפצונעמען פּועלי־ציון אין קאָמוניסטישען
אינטערנאַציאָנאַל.

דאָסמאָל פאַרגעסט מען דוקא, וואָס משטרייכט אַנ'אנדער מאָל בײ
יעדער געלעגענהייט אונטער, אז די לאַנד־פּאַרטײ פונ'ם לינקען פאַר־
באַנד אין א"י איז נאָך נישט די זעלבע מ. פ. ס., וואָס האָט ארויס־
געשיקט מאירזאָנ'ען און וואָס האָט בכונה אוועקגעלאָזט דעם נאָמען
יודיש. נאָך מ. פ. ס. ע. (עברית) וואָס באַצייכענט זיך שטאָלץ אלס
אַ יודישע פּאַרטײ. און בעת נאָך אויף דער היפּהער אַרביטער־קאָנ־

פֿערענין אין דעצעמבער 1920 האָט די מ. פּ. ס. ע. פֿייערליך זיך אָבגעטרייסעלט פֿון מאירזאָן'ס מאָסקווער אַקציע, ווערט איצט פּלוצים מיט'ן כח פֿון פּאָליטישען כשוף מאירזאָן־קאָהן'ס בשיתפות'דיגער פֿאַרברעך פֿאַרוואנדעלט אין א גרויסען היסטאָרישען פֿאַרדינסט, וועלכען מ. קאָהן איז פּירט אויף א נישט זעהר חבר'ישען אופן פֿאַר זיך אַליין, לאָזענדיג זיין פֿריינד מאירזאָן אינ'ם כף הקלע פֿון דער פֿאַראַכטונג, וואָס ער פֿאַרמאָגט אין די הערצער פֿון אלע פּועלי־ציון.

וואָס'זשע זאָל מען זאָגען צו אזא דאָפּעלטער בוכהאלטעריע? צו קען מען זיך אויסמאָלען א מיאוס'ע פּאָליטישע צביעות? צו קען די אָנפֿיהרונג פֿון א באַוועגונג נאָך אַרגער זיך אליין שפּייען אין פּנים? פֿאַר אַ וואָסערע סטאַרע אומוויסענדיגע און פּאָליטיש אומרייפֿע בהמות מוזען די דאָזיגע „רעוואָלוציאָנערע פֿיהרער" האַלטען זייערע חברים, אויב זיי דערוועגען זיך, אויף אזא אומגעלומפּערטען אופן זיי צו שיטען זאמד אין די אויגען? און ווי זאָל זיך דער פּאָליטישער געגנער, צי אפילו דער זייטיגער מענש באַציהען מיט דרך ארץ צו א אינסטאַנץ, וואָס שענדט אליין אויף אַזאַ מין אופן דעם כבוד פֿון דער באַוועגונג, וועמעס העכסטע אינטערעסען זי דאַרף היטען און ריין האַלטען?

באמת, ס'איז נישט קיין תענוג, אויפֿצודעקען דעם מאָראלישען תהום, אין וועלכען ס'ווערט סיסטעמאטיש אריינגעשלעפּט א גאנצער צווייג פֿון אונזער באוועגונג. דאָס פּנים פֿלאַמט פֿאַר בושה, ווען מ'מוז אויפֿווייזען, ווי ווייט ס'ווערט פֿאַרשוועכט דער שטאָלצער נאָמען פּועלי ציון — כלומר'שט אינ'ם העכערען אינטערעם פֿון דער סאָציאלער רע־וואָלוציע. אָבער ס'איז אונזער הייליגער חוב, אַוועקצולעגען אלע סענטי־מענטאַליטעטען אָן א זייט, צו פֿאַרגעסען אפילו דעם פּערזענליכען דרך ארץ פֿאַר א טייל פֿון די חברים פֿונ'ם אנדערען צד, און אנטקעגענ־צוהאַלטען די מאָנאָפּאָליסטען פֿונ'ם „רעוואָלוציאָנערען" פּועלי־ציוניזם דעם אומ'ברחמנות'דיגען שפּיגעל פֿון זייערע אייגענע מעשים; אפֿשר וועלען זיי פֿאָרט דערפֿיהלען די קללה, וואָס פֿאַלט אויף יעדער באוועגונג, ווען זי ווערט אומגעטריי זיך אליין און יאָגט זיך נאָך אויסערליכע עפֿעקטען און ביליגער פּאָפּולאריטעט. אפֿשר וועלען זיי דערזעהן, אויף וואָס פֿאַר א גליטשיגען וועג זיי געפֿינען זיך.

IV.

די 21 באַדינגונגען:

איהר קענט די מעשה מיט יענעם רבי? די שטאָדט טרייבט איהם אַרויס און ער האַלט אין איין טענה'ן, אַז ער פֿאַרלאַנגט אַ הוספה. מאָסקווע וויל אַפֿילו ניט הערען פֿון דער אַיידינער מאַירזאָן־גרופע, כל זמן זי טראָגט נאָך דעם פּסולען נאָמען פּועלי־ציון און אונזערע לינקע פּירוש'ען אַרויס פֿון די קלאָרע דיבורים פּונקט דער היפּוך און טענה'ן, אַז זיי זיינען ניט צופֿרידען. זיי ווילען שוין ביים דריטען קאָנגרעס (יוני 1921) און אינ'ם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זיין פֿאַרטרעטען דווקא ,אַלס צווישען־מלוכה'שער פֿאַרבאַנד פֿון, יודישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פּועלי־ציון".

פֿאַרשטעהט זיך, אַז ראָס פֿ. ב. נעמט אָן די 21 באַדינגונגען און „לענט פֿאָר אַלע צענטראַל־קאָמיטעטען, צו באַטראַכטען און באַשטעטיגען דעם באַשלוס". דאָס לינקע פֿאַרנאַנדס־ביוראָ איז אַזוי דורכגעזאַפּט פֿונ'ם גייסט פֿון „דעמאָקראַטישען צענטראַליזם" און אייזערנער דיסציפּלין", אַז עס פֿאַרגעסט לגמרי אַפֿילו די באַשטימונג פֿון די 21 באַדינגונגען ניפּא, אַז זיי מוזען אָנגענומען ווערען ניט פֿון דער אָדער יענער היכער אינסטאַנץ נאָר פֿון אַ ספּעציעלען צוזאַמענפֿאָהר, וואָס האָט נעדאַרפֿט אָבגעהאַלטען ווערען שפּעטעסטענס פֿיר חדשים נאָכ'ן צווייטען קאָנגרעס פֿונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל (פּונקט 19). מאָסקווע איז, ווי מ'זעהט, צו סענטימענטאַל אין דעם פּרט, אמת'ע רעוואָלוציאָנערען, ווי זיי זענען, פֿרעגען אונזערע לינקע רעדאַקטאָרען ניט נאָך דער מיינונג פֿון די פּאַרטיי־מאַסען. פֿאַר זיי איז גענוג די הסכמה פֿון עטליכע פּאַרטיי־גדולים אין יעדען לאַנד. כ'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז די וויכטיגסטע פּאַרטייען פֿונ'ם לינקען פֿאַרבאַנד, קודם כל פּוילען האָבען ביז היינט ניט געהעריג דורכדיסקוטירט די 21 באַדינגונגען, ניט ביי אַ צוזאַמענפֿאָהר, ניט אין דער פּרעסע. יאָ, אַז אין אַ טייל לענדער איז דער גרויסער רוב פֿון די פּאַרטיי־חברים אפילו ניט באַקאַנט מיט'ן וואָרטלויט פֿון די באַדינגונגען, כדי ריכטיג אָבצושאַצען די דאָזיגע הסכמה. בנוגע פּוילען דאַרף מען געדענקען, אַז דער לעצטער צוזאַמענפֿאָהר אין יוני 1920 האָט מיט אַ מעהרהייט שטימען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע נעגען אַריינטריט אין קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל ביי זיין איצטיגען צוזאַמענשטעל און כאַראַקטער.

און רוסלאַנד? דאָ איז די י. ק. פּ. פאַרשטעהט זיך, פאַר די 21 באַדינגונגען. אָבער די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּועלי־ציון־פּאַרטיי, די איינציגע, וואָס האָט דעם ענין באַהאַנדעלט ביי א צוזאַמענפאָהר (סעפּטעמבער 1920) האָט ניט נאָר זיך אָבגעזאָגט אָנצונעהמען דעם נאָמען קאָמוניסטיש (פּונקט 17), נאָר זי האָט נאָך אָנגענומען א רע־זאָלוציע צום פּונקט אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אויך אין אַנדערע פּרטים וויים פון א הסכמה צו די מאָסקווער באַדינגונגען. דער צוזאַ־מענפאָהר האָט דאָרט אַרויסגעזאָגט דעם וואונש, אַז דער אָרגאַניזאַ־ציאָנס־סטאַטוט פון דריטען אינטערנאַציאָנאַל זאָל רעווידירט און געענ־דערט ווערען אין דעם זין, אַז ס׳זאָל אַנערקענט ווערען די שטרענגסטע דיסציפּלין ביי דער אָרגאַניזירונג פון אַלע קאַמף־אַרויסטרעטונגען אין צווישען־שטאַטליכען מאסשטאַב און ביי דער פעסטשטעלונג פון די די גרונד־פּרינציפּען פון רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט און ס׳זאָל געגעבען ווערען ברייטע אויטאָנאָמיע פאַר די באַזונדערע פּאַרטייען, וואָס געהען אריין אין דריטען אינטערנאַציאָנאַל ביי דער אנטשיידונג פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פונ׳ם לאַנד.

אין דעם זין דערקלערט דער צוזאַמענפאָהר, אַז די פּאַרטיי פּועלי ציון, אונטערוואַרפט זיך אַלע באַשלוסען פון דריטען אינטער־נאַציאָנאַל אין די פראַגען פון צווישענשטאַטליכע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען און פאָדערט פאַר זיך אויטאָנאָמיע אין די פראַגען ביי דער נאַציאָנאַלער יודישע פּאָליטיק.

ווענען וויל מען ביי אזא מצב איינרעדען, אז די צענטראַל־קאָמיטעטען פון די צוויי פּאַרטייען אין פּוילען און רוסלאַנד האָבען א רעכט אינ׳ם נאָמען פון זייערע פּאַרטיי־חברים צו געבען די הסכמה צו די 21 באַדינגונגען? מילא מיט דער פּוילישער פּאַרטיי איז נאָך האַלבע צרות. מיר האָבען ביי דער וועלט־קאָנפערענץ געזעהען, ווי עטליכע דעלעגאַטען מיט א געבונדענעם מאַנדאַט האָבען געשטעלט אויפ׳ן קאָפּ די קלאָרע רעזאָלוציע פונ׳ם צוזאַמענפאָהר. און מיר מעגען זיך אויף זיי פאַרלאָזען אויך אויף ווייטער. אָבער די י. ס. ד. אין רוסלאַנד? איהר רעזאָלוציע איז דאָך אָנגענומען געוואָרען שוין נאָך די 21 באַדינגונגען. וועט מען זי אויך איבערטייטשען אין איהר היפוך? וועט דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי געבען זיך האַנד צו אזא פּורים־שפּיל? און אויב אפילו יאָ, וועט דער מאָסקווער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זיך אַריינלאָזען אויף אזעלכע עסקים? בפרט, ווען די „ברודער־פּאַרטיי" י. ק. פּ. איז ביי דער האַנד און וועט זיך נישט פוילען אונטערצודריקען

איהר אייגענע רעזאָלוציע װעגן י. ס. ד. װאָס פֿאַרלאַנגט, זי איבערצי־
שליסען אויפֿן לינקען פֿאַרבאַנד אפילו?

אגב, אין דער דאָזיגער רעזאָלוציע פֿון דער י. ק. פּ. רעדט זיך אויך װעגן ניט צולאָזען צום פֿאַרבאַנדס־ביוראָ חברים, װאָס האָבען זיך קאָמפּראָמיטירט מיט זייער קאַמף געגען דעם קאָמוניסטישען פֿליגעל פֿון די פּועלי־ציון. ליצני הדור זאָגען, אז געמיינט װיגען געװיסע מיט־גלידער פֿונ'ם איצטיגען פּ. ב., װאָס האָבען נאָך קנאַפּ פֿאַר דער װ. ק. און אפילו אויף דער װעלט־קאָנפֿערענץ געקעמפֿט געגען דעם „לינקען אָרגאַניזאַציאָנס־ביוראָ“, געגען דער י. ק. פּ. און דער מ. פּ. ס. װעט די י. ק. פּ. דערלאָזען אזעלכע חברים אין קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל? און אויב מ'װעט אָנהויבען חוקר ודורש צו זיין אין די איינצעלנע לאַנד־פּאַרטייען, װעט זיך אַרויסװייזען, אז אויך אין זייערע צ. ק.'ען און רעדאַקציעס זיצען גענוג געװעזענע „צענטריסטען“ און היינטיגע האַלבע מענשעװיקעס, װאָס זיינען על פּי דעם מאָסקװער שלחן ערוך נישט ראוי צו קיין פֿיהרענדיגער ראָל אין א פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי. מיינען די לינקע טאַקע ערנסט, דורכצופֿיהרען די דאָזיגע „רייניגונגס־אַקציע“?

אָבער דאָס װעגן אַליין דאַגות, װעלכע מיר קענען איבערלאָזען די דיפּלאָמאַטישע רעזשי־קונצען פֿונ'ם לינקען פֿאַרבאַנד. לאָמיר האָפֿען, אז ער װעט גובר זיין די אַלע האַרבע מכשולים.

װיכטיגער איז אָנצוװייזען, װאָס דאָס אָננעמען פֿון די 2 באַ־דינגונגען באַדייט פּרינציפּיעל פֿאַר א פּועלי־ציוניסטישען פֿאַרבאַנד. מיר לאָזען אָן אַ זייט דעם מאָמענט, אז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַ־ציאָנאַל איז דערװייל זעהר װייט דערפֿון, הערצוגעבען צוליב די פּועלי־ציון זיין װעלט־טעריטאָריאַלען אָרגאַניזאַציאָנס־פּרינציפּ. ס'װאָלט געװיס שוין געװעזען א װיכטיגער ערפֿאָלג פֿון די לינקע, װען ס'גיט זיך זיי איין, אריינצופֿיהרען כאָטש אין לאַנד־פּאַרטייען זייערע אַלס אויס־געשפּראָכענע פּועלי־ציון־פּאַרטייען, אָהן װעלכע ס'איז פּראָגראַמאַטישע און אידעאָלאָגישע הנחות, אָהן דער פֿאַרלייקענונג פֿונ'ם פּועלי־ציוניזם. אָבער דאָס אָננעמען די 21 באַדינגונגען, אַזוי װי זיי שטעהען און געהען, איז ניט עפּעס אַנדערש, װי דאָס קלאָרע פֿאַרלייקענען דעם פּועלי־ציוניזם. לויט פּונקט 16 פֿון די באַדינגונגען װערען אלע החלטות פֿון די קאָנגרעסען פֿונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל װי אויך די החלטות פֿונ'ם עקזעקוטיװקאָמיטעט בינדענד פֿאַר אַלע אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען. מיר שטרייכען אונטער: אלע החלטות: אויך דער פּונקט װעגען ציוניזם בכלל. און אויב מ'װעט אונז װידער פּרובען

דערצעהלען די מעשה מיט׳ן „רעדאקציאָנעלען טעות“. טאָ זאָל אונז דערלויבט זיין איבערחזר׳ן די פֿראַגע: פֿאַרוואָס האָט מיכאל קאָהן אויף דער דערמאַנטער זיצונג פֿונ׳ם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פֿונ׳ם 21 סעפּטעמבער, בעת ס׳איז פֿאַר „זיין פּאַרטיי“ איבערגעחזר׳ט געוואָרען די באַדינגונג וועגען דורכפֿיהרען אין לעבען אלע החלטות פֿונ׳ם צווייטען קאָנגרעס, ניט פֿאַרלאַנגט די בפירוש׳ע ערקלערונג, אז דאָס איז ניט נוגע דעם „פֿאַרנייוטען“ פּונקט וועגען ציוניזם בכלל? דאָ האָט איהר אגב א הונדערט און ערשטען באַווייז, ווי קינדיש ס׳איז דער דאָזיגער אויסרייד מיט׳ן רעדאקציאָנעלען טעות!

אָבער דאָס איז ניט אליין. אין פּונקט 15 פֿון די באַדינגונגען שטעהט:

„אין דער רעגעל מוז דאָס פּראָגראַם פֿון יעדער פּאַרטיי, וואָס איז אנגעשלאָסען דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל באַשטעטיגט ווערען פֿונ׳ם אָרדענטליכען קאָנגרעס פֿונ׳ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל אָדער פֿונ׳ם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. אויב דאָס פּראָגראַם פֿון דער אָדער יענער פּאַרטיי ווערט פֿונ׳ם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פֿונ׳ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל ניט באַשטעטיגט, האָט די פּאַרטיי דאָס רעכט, זיך צו ווענדען צום קאָנגרעס פֿונ׳ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל“.

שטעלט זיך די פֿראַגע: ווי אזוי איז צו פֿאַרשטעהן דער באַשלוס פֿונ׳ם לינקען פֿאַרבאַנדס-ביוראָ, אָננעמען די 21 באַדינגונגען, בנוגע דעם דאָזיגען פּונקט? צו מיינט עס, אז אויב דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט און שפּעטער דער קאָנגרעס פֿונ׳ם מאָסקווער אינטערנאַציאָנאַל וועלען ניט באַשטעטיגען דעם פּועלי-ציוניסטישען פּראָגראַם, בפֿרט דעם א״י-פּונקט, אז די לינקע וועלען זיך אויך דאָ אונטערוואַרפֿען? אָדער איז לכל הפחות א״י פֿאַר זיי א פֿעלזענפֿעסטער עיקר-פּונקט, פֿון וועלכען זיי וועלען זיך בשום אופן ניט אָבזאָגען, אפילו אויב צוליב דעם זאָלען פֿאַר זיי בלייבען פֿאַרמאַכט די טירען פֿון מאָסקווע?

מיר הערען שוין די אויסרופֿען פֿון פּראָטעסט און באַליידיגטער אומשולדיגקייט, מיט וועלכע מ׳וועט ענטפֿערן אויף דער דאָזיגער שאלה. נאָר שלעכטער ווילען און בכיוונ׳דיגע פֿאַלשע אינטערפּרעטאַציע — וועט עס הייסען — איז בכח צו שטעלען אַ זעלכע קלאָץ-קשיות. מיר געהען קיין מאָסקווע מיט אָפֿענע קאָרטען, אלס פּועלי-ציון; אויב דער אינטערנאַציאָנאַל פּסל׳ט אונז צוליב ארץ-ישראל, דאַן האָט דאָך די גאנצע פֿראַגע פֿון אונזער אַריינטריט קיין זין ניט מעהר.

אָבער דער דאָזיגער פּראָטעסט האָט נישט קיין יסוד. וואָרן מיר ווייסען שוין פֿון אַ פֿאַל, ווען דער שליח פֿון אַ פּאַרטיי, וואָס רופֿט זיך פּועלי־ציון, האָט נאָר נישט אָבגעהאַרט דעם פּסק פֿונ'ם מאָסקווער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אין האָט שוין פֿון אָנהויב אָן ערקלערט, אַז דער נאָמען פּועלי־ציון איז נאָר אַ טאַקטיק־זאַך און אַז די פּאַרטיי האָט באמת מיט פּועלי־ציון קיין שום שייכות נישט. מיר האָבען אויבען געזעהן, אַז די אָנפֿירענדיגע אינסטאַנץ פֿונ'ם לינקען וועלט־פֿאַרבאַנד פּועלי־ציון האַלט פֿאַר מעגליך, נישט קוקענדיג אויף אלע הרמות, מיט וועלכע מ'האָט בשעתו באַוואָרפֿען מאַיזאָנ'ען, צו נעמען זיין און זיין דירעקטען שותף מיכאל קאָהן'ס אַרויסטריט אויפֿ'ן אייגענעם השבון. נאָך אַזאַ מין אידענטיפֿיצירען זיך מיט דער צביעות'דיגער שאַנטאַזש־פּאָליטיק פֿון אַ מאַיזאָן, קען דאָס לינקע פֿאַרבאַנדס־ביוראָ נישט ערנסט פֿאַרלאַנגען, אַז מ'זאָל אָהן שום ספקות גלויבען אין זיין אויפֿריכטיגקייט סיי כלפּי מאָסקווע, סיי כלפּי דער יודישער אַרבייטער־עפֿענטליכקייט. פֿון וואַנען האָבען מיר די גאַראַנטיע, אַז אויפֿ'ן דריטען מאָסקווער קאָנגרעס וועט מצד די לינקע נישט איבערגעחזר'ט ווערען די טאַקטיק פֿון מאַיזאָנען? אַז מ'וועט נישט פּרובען זיך אַריינצודרעהען אינ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, אָבזאָגענדיג זיך דאָרט פֿון די וויכטיגסטע עיקרים פֿונ'ם פּועלי־ציוניזם, און דערנאָך איינצורעדען די יודישע אַרבייטער, אַז מאָסקווע האָט אַנערקענט דעם פּועלי ציוניזם? ווייזט נישט דאָס ביז איצטיגע התנהגות פֿונ'ם לינקען פּ. ב., וואָס שטעהט אונטער דער דיקטאַטור פֿון זיין אַוואַנטוריסטיש־ליקווידאַטאָרישען פֿלינגעל, אַז ער איז מסוגל צו אַזאַ מין פּאָליטיק פֿון דאָפּעלטער בוכהאַלטעריע?

דעריבער: קלאָרע דבורים, חברים פֿון לינקס! און איילט אייך צו, וואָרן קוים קורצע פֿיר וואָכען טיילען אונז פֿונ'ם מאָסקווער קאָנגרעס און ס'איז נויטיג, אַז סיי מאָסקווע סיי די יודישע אַרבייטערשאַפֿט זאָל ווייסען אויף געוויי, מיט וואָס איהר קומט אַהין, מיט פּועלי־ציוניזם, צו מיט מאַיזאָניזם.

און אַז מיר האַלטען שוין דערביי, זאָל נאָך אָנגעוויזען ווערען אויף די פֿאָלגענדע ההלטות פֿונ'ם לינקען פּ. ב. וואָס דאַרפֿען זיין דער ערשטער ממשות'דיגער באַווייז פֿאַר'ן גוטען ווילען, אויסצופֿירען די 21 באַדינגונגען:

„דאָס פּ. ב. לענט פֿאָר אונזערע מערב־און מיטעל־אייראָפּעישע פּאַרטייען, ווי אין ענגלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיי, דייטש־עסטריך, שווייץ, זיי זאָלען זיך באַטייליגען און באַשטרעבען אין דער צייט, ווען די קאָ־

מוניסטישע כחות אין זייערע לענדער פֿאַראייניגן זיך, אַריינצוטרעטן אַלע יודישע סעקציעס אין די קאָמוניסטישע לאַנדעס־פּאַרטייען אויף פֿאָלגענדע יסודות:

1 זיי בלייבן אַ חלק פֿון אונזער וועלט־באַוועגונג;

2 זיי האָבן דאָס רעכט צו פֿירן אַ טעטיקייט פֿאַר דער פּראָדוקטיוויזירונג פֿון די יודישע מאַסן, פֿאַר דער רעגולירונג פֿון דער יודישער וואַנדערונג, פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער ארץ־ישראל־אַרבייט און פֿאַר דער באַפֿרידיגונג פֿון די קולטורעלע באַדערפֿנישן פֿון יודישן פּראָלעטאַריאַט.

דאָס פֿ. ב. פֿאָדערט אויף אַלע לאַנדעס־פּאַרטייען אין די גרויסע יודישע צענטרען, צו גיין האַנט אין האַנט מיט די קאָמוניסטישע לאַנדעס־פּאַרטייען, אויפֿקלערען זיי וועגן אונזערע צילען און טעטיגקייט, און אויסאַרבייטען אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאָרמען פֿאַר אַ בשותּפֿות׳דיגער אַרבייט אויף די ערטער".

מיר חידושען זיך שוין נישט. וואָס דאָס לינקע פֿ. ב. גיט אַרויס אַזעלכע „רעקאָמענדאַציעס" פֿון דער גרעסטער פּרינציפּיעלער באַדייטונג אָהן וועלכער ס׳איז צוגרייטונג, אָהן אַ געהעריגער דיסקוסיע מצד דעם ברייטערן פּאַרטיי־עולם. פֿאַר „קליינבירגערליכע" עבודה־זרה׳ניקעס פֿון דער פּאַרטיי־דעמאָקראַטיע וואָלט אויסגעקומען, אַז מיט אַזעלכע זאַכען דאַרף מען וואַרטען אויף דער וועלט־קאָנפֿערענץ. אָבער אויף ראַדיקאַליזם פֿונ׳ם עקסטען פּעסעל פֿרעגט מען אַזעלכע קשיות נישט.

אויך די ברייטהאַרציגקייט, מיט וועלכער ס׳נעהט פּונקט אין איצטיגען מאָמענט פֿון קריזיס אין די וויכטיגסטע קאָמוניסטישע פּאַרטייען זיך אָבזאָגען פֿון דער פּאָליטישער זעלבשטענדיגקייט און זיך אונטערוואַרפֿען דעם דיקטאַט פֿון אינסטאַנצען, וואָס הויבען נישט אָן צו האָבען קיין השגה פֿון די קאַמף־באַדינגונגען פֿונ׳ם יודישען פּראָלעטאַריאַט — אויך דאָס וואונדערט אונז נישט. אויב אין דייטשלאַנד למשל ערקלערט אַ פּויל לעווי די פּוטש־פּאָליטיק פֿון די איצטיגע קאָמוניסטישע סטראַטעגען פֿאַר אַ פֿאַרברעכען אַקעגען דעם פּראָלעטאַריאַט, האָבען אונזערע לינקע פֿון אַזאַ מין קריטיציזם קיינמאָל נישט געליטען און איהר מעגט זיכער זיין, אַז פּויל לעווי, קלאַראַ צעטקין און זייערע חברים שטעהען שוין אויך ביי זיי אויף דער שוואַרצע־רשימה פֿון די „פֿאַררעטער" פֿונ׳ם קאָמוניזם.

אָדער זאָל מען דעם חילוק, וואָס ווערט דאָ געמאַכט צווישען די מערב־ און מיטעל־איראָפּעאישע לענדער און צווישען די גרויסע יודישע

ענטרען אפשר אויסטייטשען אזוי, אז דוקא בנוגע די לענדער, וואו די זאמענארבייט וואָלט אפשר פאר די קאָמוניסטישע פאַרטייען נעקענט האָבען עפּעס א ממשותדיגען ווערט, האָבען זיך די לינקע פּאָרט צור־ריקגעשראָקען פאר דער לעצטער קאָנסעקווענץ? (א חילוק אגב, וואָס שטעהט ניט אין הסכם מיט די 21 באדינגונגען). אָבער אויך דאָ ווערען דאָך די פארטייען אויפגעפאָדערט, צו נעהן האנד אין האנד מיט די קאָמוניסטישע פארטייען — ווי ס'הייסט אינ'ם געגויערען דייטשען טעקסט פון דער רעזאָלוציע — אין אלע פאָלי־טישע אקציעס און אין דער גאנצער ארבייטער־פּאָליטיק, וואָס ס'וואָלט נעהייסען פּראַקטיש, איבערגעבען די שליטה איבער דער פּאָליטיק פונ'ם יודישען פּראָלעטאריאט אין פוילען למשל אין די הענד פון א קליין הייפעל אומפּאראנטווארטליכע אסימילאַ־טאָרישע אינטעליגענטען. אָט אזוי לייכט פארגעפערט מען די בלי ספק זעהר וויכטיגע פראגע פון פאראיינהייטליכען דעם פּאָליטישען קאַמף פונ'ם יודישען און נישט־יודישען פּראָלעטאריאט אין די איינצעלנע לענדער.

אָבער ווי געזאָגט, נישט דאָס איז פאר אונז דער עיקר. אינטע־רעסאנטער איז, וואָס די „לינקע" פּרובען אויך דאָ, ארויסצורופען ביי יערע הברים פאלשע אילוזיעס, וואָס זיינען פאר'משפט אין גיכען צו פּלאצען ווי א זייפענבלאָז. ווייסט דאָס לינקע פ. ב. נאָר נישט מכה דער ליקווידאציע פונ'ם קאָמוניסטישען בונד אין רוסלאנד? זיין פּרוב, צו דערהאלטען זיך א לעצטען שיין פון אויטאָנאָמיע אין פּראָפּאגאנדא און אָרגאניזאציע־פראגען און אין ספעציפיש יודישע ענינים איז פון דער קאָמיסיע פונ'ם מאָסקווער אינטערנאציאָנאַל איינשטימיג צוריק־געוויזען געוואָרען און דער בונד האָט געמוזט זיך פשוט אויפלעזען, כדי זוכה צו זיין, אריינצוגעהן אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דורך איהר אין קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאל. וויל דאָס לינקע פ. ב. עמיצען איינרעדען, אז צוליב איהם וועט מאָסקווע ענדערן זיין שטאנדפונקט און דערלאָזען אין א טייל לענדער יודישע סעקציעס מיט ספּעציעלע פּריווילעגיעס, אין אנדערע נאָר אין גאנצען מותר זיין אויפ'ן אריינטריט אין דער קאָמוניסטישער לאנד־פּארטיי און זיך באגיינען מיט'ן אונטערוואַרפען זיך אונטער איהר קאָמאנדאָ? אזוי אומקאָנסעקווענט איז מאָסקווע נישט.

מיר קענען זיך נישט העלפען: אויך דאָ וואָלט נויטיג געוועזען אביסעל מעהר קלאָרקייט, וואָס זאָל נישט דערלאָזען קיין שום חשד בנוגע דער ריינקייט, ביז צו וועלכער מ'איז גרייט צו נעהן אין דער דער־

פּילונג פֿון די 21 באַרינגונגען אין דעם פּרט. בפּרט ווייל דאָ אין ווין, דעם זיץ פֿונ'ם לינקען פּ. ב. למשל דערצעהלען זיך שוין די פּייגעל אויף די רעכער, אַז אַ גרויסער טייל פֿון די לינקע מיט מיכאל קאָהן בראש זיינען גרייט ...ים צו זיין צו די באַרינגונגען פֿון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי און ז'ן .צוזאָגען נישט נאָר פֿונ'ם פּועלי־ציוניזם — דאָס וואָלט נאָר געווען די לעצטע פּאָרמאַליטעט — נאָר אפילו פֿון דער איינענער סעקציע, אַבי נישט צו בלייבען מחוץ דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי. און מיכאל קאָהן'ס שיטה האָט דאָך היינט אַזא גרויסע וואָג אינ'ם לינקען וועלט־פֿאַרבאַנד!

V.

סך הכּל.

מיר האָבען געפּרובט אַ ביסעל באַלויכטען די „אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק" פֿונ'ם לינקען וועלט־פֿאַרבאַנד און ס'האָט זיך פֿאַר אונז אַנטפּלעקט אַ בילד פֿון אַ טרויעריגער אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער ירידה פֿון אַ באַוועגונג, וואָס ערשט נעכטען איז ז' געווען אַ טייל פֿון אונז, וואָס נאָך האָבען מיר אין האַרצען נישט געפּועלט ביי זיך, איבער־צורייסען אַלע פֿעדים צווישען אונז און איהר.

און מיט שטוינען און שרעקען פֿרעגען מיר זיך: ווי איז עס מעגליך געוואָרען, אַז חברים, מיט וועלכע מיר האָבען ביז ניט לאַנג אינאיינעם געאַרבעט און געקעמפּט, זאָלען פּלוצים זיך געפֿינען אויף אַזא מין באַרג־אראָב פֿון פּאָליטישער מאָראַל, זאָלען פּלוצים אַזוי אָפּגען פֿאַרלייקענען זיך אַליין, זייער אייגענעם עבר?

ס'וואָלט אונז צו ווייט געפֿיהרט, ווען מיר ווילען זיך דאָ אריינ־לאָזען אין אַ ברייטען היסטאָרישען אַנאַליז פֿון דער דאָזיגער טרויריגער ערשיינונג. מיר וועלען דאָס טון אַ צווייטען מאָל. אַצט קענען מיר נאָר פֿעסטשטעלען אָט וואָס:

דער אזוי גערופֿענער לינקער וועלט־פֿאַרבאַנד 'פּועלי־ציון איז ווייט פֿון איינהייטליכקייט אין אידעאָלאָגישען זין, ס'איז געוויס ניט צו לייקענען, אַז אין דעם פֿאַרבאַנד געפֿינט זיך אַ גרויסע צאָהל גוטע פּועלי־ציון, וואָס זיינען נאָך ביז היינט ניט אומגעטריי געוואָרען די אַלטע לאָזונגען און אידעאַלען פֿון אונזער באַוועגונג. אָבער ס'איז קיין שום ספק ניט, אַז ניט די דאָזיגע עלעמענטען זיינען עס, וואָס לעגען ארויף זייער חותם אויף דעם מהות און דער פּאָליטיק פֿונ'ם לינקען

ז. פ. דאס טוט להיפוך יענער „לינקסטער" פלינעל, וואס האט פאר די אוינען קודם כל איין ציל: צו זיצען אין קאמוניסטישען אינטער־נאציאנאל פאר יעדען פרייז. אויך אין דעם דאזינען פלינעל זיינען דא שאטירונגען. איין טייל האט אינערליך קיינמאל צום פועלי־ציוניזם קיין שום שיכות נישט געהאט און האט זיך געשטעלט אין די שורות פון „אונזער באוועגונג אין דער ראל פון׳ם „קאמוניסטישען מיסיאנער", מיט דער כונה, אויסצוהוילען די באוועגונג פון אינעווייניג און צוצוציהען איהרע אנהענגער צום „ריינעם קאמוניזם". מאירזאן איז דער עקסטרעמסטער עקספאנענט פון דער דאזיגער גרופע, אין וועלכער ס׳מוז זיך ווילענדיג נישט ווילענדיג פארווישען די גרעניץ צווישען דעם פאליטישען שאר־לאטאן און דעם סוביעקטיוו־עהרליכען פאנאטיקער. זי באשטעהט פונ׳ם ערשטען ביז׳ן לעצטען מאן אויס לויטער „גאוועמבער־פועלי־ציון", וואס האבען פריהער מיט דער באוועגונג קיין שום שיכות ניט געהאט.

גרעסער איז א צווייטע גרופע, וואס באשטעהט פון אמאליגע פועלי־ציון, צום גרויסען טייל דוקא עקסט־רעכטע, פארברענטע אפענ־היימעריאנער, חסידים פון אחד־העם און סתם געוועזענע בירגערליכע ציוניסטען, וועלכע די „תקופה פון דער סאציאלער רעוואלוציע" האט אריינגעבראכט אין א מצב פון גייסטיג־פאליטישער שכרות, אין וועלכען זיי האבען אנגעוואוירען דעם חוש פאר דער ווירקליכקייט בכלל, און בפרט פאר דער יודישער ווירקליכקייט און דערמיט אויך די אמונה אין די ספעציפישע אידעען און לאזונגען פונ׳ם פועלי־ציוניזם. אויך דא מישט זיך דער פאליטישער אוואנטיוריזם מיט נאאיווער קאמוניסטישער וועלט־באגליקעריי. די דאזיגע גרופע, וואס צעהלט צווישען אנדערע אין איהרע שורות די וויכטיגסטע אנפיהרער פון די לינקע אין עסטרייך, טשעכאסלאוואקיי און פון דער י. ק. פ. און מ. פ. ס. האט זיך אינערליך שוין לאנג געזעגענט פונ׳ם פועלי־ציוניזם און איהר אייגציגער אינטערעס בנוגע א״י דריקט זיך אויס אין א פשוט סאדיסטישער הנאה פון יעדער שלעכטער ידיעה, וואס קומט פון דארט, אין א שטענדיגער העראסטראטישער רכילות־קאמפאן נעגען דער יודישער ארבייטערשאפט אין לאנד, און אין... א פאפירענעם קאמף נעגען דעם ענגלישען אימ־פעריאליזם און די בירגערליכע ציוניסטען. העכסטענס קומט נאך ביי די נאאיווערע פון זיי צו דאס איינרעדעניש פון א מין משיח־ראל לגבי דעם נאהנטען אריענט און די אראבישע מאסען, צו וועלכע זיי, די לינקע פועלי ציון זיינען פון דער השגחה אליין באשטימט צו פאר־פלאנצען תורת מאסקווע.

דאָס וואָס מיכאל קאָהן, זיכער איינער פֿון די נאַאיזוערע און סימ־פּאַטישערע רעפּרעזענטאַנטען פֿון דער דאָזיגער גרופּע, האָט אין מאָסקווע געמאַכט מאירזאָן׳ס פּאָליטיק, איז פּשוט סימבאָליש דערפֿאַר, ווי ווייט די דאָזיגע צוויי גרופּען ווערען וואָס אמאָל מעהר פֿאַרוואַקסען צו איין ליקווידאַטאָרישען כח, וואָס באַהערשט, —ווי ס׳באַווייזען אונזערע ביזאיצ־טיגע אויספֿיהרונגען — גייסטיג און פּאָליטיש דעם גאַנצען לינקען פֿאַרבאַנד. ער ווערט פֿאַרשטאַרקט דורך יענע עלעמענטען, וועלכע האָבען זיך נאָך נישט איננאַנצען אָבגעזאָגט פֿון א״י אַלס אנ׳ ענין פֿון לעתיד לבוא. זיי האָט מיכאל קאָהן צוליב געטון, רעדענדיג אין מאָסקווע וועגען דעם, אַז די וועלט־סאָוויעט־רעפּובליק וועט דאַרפֿען קאָלאָניזירען די יודען אין א״י. די דאָזיגע עלעמענטען ווילען אָבער נאָך נישט וויסען פֿון אַ קאָנקרעטער א״י־אַרבייט שוין איצט, ווייל זיי באַ־טראַכטען זי ערשטענס פֿאַר ווערטלאָז און צווייטענס פֿאַר אַ הילף פֿון ענגלישען אימפּעריאַליזם.

אַקעגען דעם דאָזיגען פֿאַראייניגטען ליקווידאַטאָרישען פֿראָנט איז נישטאָ אין לינקען פֿאַרבאַנד קיין גענוג שטאַרקער געגען־כח. די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין רוסלאַנד, וואָס האָט, אויף וויפֿיל מ׳קען אַנ־טיילען אויפֿ׳ן יסוד פֿון עטליכע צייטונגס־אַרטיקלען און רעזאָלוציעס, ניט נאָר בערך אַם ריינסטען דערהאַלטען איהרע אַלטע פּרינציפּען, נאָר אין וועלכער ס׳ווייזט זיך אויך אַ גענוג שטאַרקער חוש פֿאַר דער א״י־דיגער ווירקליכקייט און פֿאַר די אויפֿגאַבען פֿונ׳ם פּועלי־ציוניזם אין דער איצטיגער צייט, איז דורך דער צוריפּאַכער שפּאַלטונג, וואָס האָט אַרויסגעפֿיהרט אויס איהר די ליקווידאַטאָרישע עלעמענטען, און בכלל דורך דעם גאַנצען מצב אין רוסלאַנד זעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען און קען אויך מחמת די שלעכטע פֿאַרקעהרס־באַדינגונגען און איהר איזאָלירונג ניט האָבען קיין נעהערינע השפּעה אויף דער אַרבייט פֿונ׳ם וועלט־פֿאַרבאַנד. נישט אומזיסט שפּילט זי דאָך די ראָל פֿונ׳ם שטיפֿקינד, וואָס ווערט נאָר געדולדעט אין דער לינקער משפּחה און וועלכער מ׳קען ליאדע אַ טאָג ווייזען די טיר, אויב דער בן־זקונים י. ק. פּ. וועט זיך איינ׳עקשנ׳ען ובפרט אויב מאָסקווע וועט פֿאַרלאַנגען דעם קרבן.

די פּוילישע פּאַרטיי ווידער פֿאַרמאָגט נאָך בלי ספק אינ׳ם ברייטערען פּאַרטיי־עולם אַ היבשען רעזערוו פֿון פּועלי־ציוניסטישע טראַדיציעס און געפֿיהלען און ווייזט אַרויס אַ געוויסען ווידערשטאַנד געגען דער אָפֿענער טעאָרעטישער ליקווידאַציע פֿונ׳ם פּועלי־ציון־געדאַנק אין איהרע אייגענע שורות. אָבער דער געגען־כח ווערט וואָס אַ טאָג

שוואַכער. די אָבנעריסענקייט פֿון אי״ בעת דער גאַנצער מלחמה־צייט, דאָס פֿעהלען פֿון יעדער פּאַקטישער אי״־ארבייט, און דאָס יאָגען זיך נאָך אויסערליכע אָרגאַניזאַטאָרישע ערפֿאָלגען האָט מיט דער צייט נעמאַכט פֿאַרבלאַסען דעם אַמאָל שטאַרקען פועלי־ציוניסטישען אינסטינקט און באוואוסטזיין צו א טרוקענעם טעאָרעטישען, כמעט מעכאַנישען, אני מאמין, אין בעסטען פֿאַל צו א פּאַסיווען געפֿיהל. וואָס פֿיהרט נישט און איז ניט מחייב צו קיין מעשים. די נייע עלעמענטען, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין דער פּאַרטיי אין דער מלחמה־צייט ובפרט זייט דער רוסישער רעוואָלוציע און דעם אנטשטעהען פֿון דער פּוילישער מלוכה, האָבען זיך ניט אסימילירט צו דער אַלטער אידעאלאגיע, נאָר צוגעפּאַסט די פּאַרטיי צו זיך און שטאַרק פֿאַרוואַסערט איהר פועלי־ציוניזם. די פּאַלש פֿאַרשטאַנענע וועלט־רעוואָלוציע האָט געטין איהרס און אַזוי האָט דער פּראָצעס פֿון ליקווידאַציע זיך שוין נענוג שטאַרק אנטוויקעלט אויך אין דער פּוילישער פּאַרטיי. *) און דעריבער האָט זי נישט דעם מאָראַלישען כח, צו קעמפֿען נעגען די ליקווידאַטאָרישע טענדענצען, אינ׳ם לינקען וועלט־פֿאַרבאַנד.

און איהרע פֿיהרער אינ׳ם לינקען פּאַרבאַנדס־ביוראָ, פֿאַראויסלויפֿענדיג דער כמעט אומפֿאַרמידליכער אנטוויקלונג, שווימען — האַלב ציהט עס זיי, האַלב שטויסט מען זיי — מיט׳ן ליקווידאַטאָרישען שטראָם.

און אַזוי איז עס נעקומען, אַז די צוויי פּאַרטייען, וואָס זיינען בעת דער שפּאַלטונג נעווען די ויילען פֿונ׳ם לינקען פֿאַרבאַנד האָבען איצט אָנגעוואוירען כמעט יעדע אקטיווע השפּעה אויף זיין פּיזיאָנאָמיע און טעטינקייט און אז דעם הותם לענען אויף איהם אַרויף דוקא יענע פּאַרטייען, וועלכע אפילו די לינקע האָבען נאָך אויף דער פֿינפֿטער וועלט־קאָנפערענץ נישט געוואָלט אַנערקענען פֿאַר גלייכווערטיג: די כ. פּ. ס. און די י. ק. פּ., וויטער זייערע נשמה־קרובים, די עסטרייכישע און טשעכאָסלאָוואקישע לינקע. בקיצור די פּאַרטייען פֿונ׳ם אמאָליגען ווינער אָרגאַניזאַציאָנס־ביוראָ. דער באַריכט פֿונ׳ם לינקען פּ. ב. איבער דער טעטינקייט פֿונ׳ם שליח פֿונ׳ם א. ב. אין מאָסקווע, זיין גאַנצע האַלטונג בנוגע דעם חרם אויפֿ׳ן ציוניזם און מאירזאָן־קאָהן׳ס ארויסטריט איז דער בולטסטער סימן פֿון דער קאַפּיטולאַציע פֿאַר׳ן נייסט פֿונ׳ם

---

*) ס׳האַלט שוין דערביי, אז דער ארגאַן פֿון דער פּוילישער לינקער פּאַרטיי רעדט עפּנסט דערפֿון, אז די ארבייטער־הילפֿס־קאָמיטעטען און די שולען און אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס די ארבייטער גרינדען מיט הילפֿס־געלדער, מאַכען איבעריג די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

אַמאָליגען אָ. ב.. פֿונ'ם אינערליכען באנקראָט פֿונ'ם אזוינערופֿענעם לינקען פּועלי־ציוניזם*.

אָבער ניט פֿונ'ם אמת'ן רעוואָלוציאָנערען פּועלי־ציוניזם. זיין מחנה וואקסט פֿון טאָג צו טאָג אין אלע לענדער. דער רוף צו לעבעדיגער פּועלי־ציוניסטישער ארבייט, וואָס איז ארויס פֿון דער פֿינפֿטער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿונ'ם אלטען פֿארבאנד האָט געפֿונען א שטארקען אבקלאנג אין אלע לענדער. די בעסטע עלעמענטען פֿון דער אלטער באוועגונג אויך אין מזרח־אייראָפּא זאמלען זיך שוין ארום אונזערע פֿאָהנען און פֿיהרען אָן זייער רעוואָלוציאָנערען קאמף און די נישט ווייניגער רעוואָלוציאָנערע אויפֿבוי־ארבייט אינ'ם גייסט פֿון אונזערע אלטע, אויסגעפּרובטע פּרינציפּען. אונזער לעבעדיגע ארבייט אויף אלע געביטען, אונזער סאָציאליסטישע טעטיגקייט אין אלע לענדער, אונזער ארבייט ביי דער רעגולירונג פֿון דער אײַוואנדערונג, ביי דער דערציהונג פֿון ארבייטער־פּיאָנירען, אונזער קאמף פֿאר'ן סאָציאליזם און די פּראָלעטארישע אינטערעסען אויף אלע פּאָזיציעס, וועט פֿארגיכערן דעם גייסטיגען קריזיס און דעם שיידונגס־פּראָצעס ביי די לינקע און פֿיהרען צו דער ווידערפֿאראייניגונג פֿון אלע אמת'ע פּועלי־ציון ארום דער רויטער פֿאָהן פֿון אונזער וועלט־באוועגונג.

---

*) ווי ווייט די ליקווידאטארישע טענדענץ גרייכט שוין אינ'ם „לינקען פּועלי־ציון־פֿארבאנד" קען מען זעהן פֿונ'ם פֿאלגענדיגען פֿאקט: אינ'ם מאי־אויפֿרוף פֿונ'ם לינקען פֿארבאנדס־ביוראָ איז נישטאָ קיין איין וואָרט. אבער טאקע ממש קיין איין וואָרט וועגען די באזונדערע פּראָבלעמען און אויפֿגאבען פֿונ'ם יודישען ארבייטער־קלאַס און פֿונ'ם פּועלי־ציוניזם. א פּשיטא שוין, אז ארץ־ישראל ווערט לחלוטין נישט דערמאָנט. דער גאנצער דאָקומענט איז א קאָפּיע פֿונ'ם אויפֿרוף פֿונ'ם מאָסקווער אינטערנאציאָנאל.

זעהט איהר, די עסטרייכישע לינקע פּארטיי האָט זיך נאָך נישט אזוי ווייט אָבגעזאָגט פֿונ'ם פּועלי־ציוניזם. איהר ספּעציעלער אויפֿרוף זאָגט ווערטליך: „אנטקעגען די הארטע פֿאקטען פֿון דעם אימפּעריאליזם ווערען אויך צערינען די אילוזיעס פֿון א טייל יודישע ארבייטער, אויפֿצובויען איצט אונטער דער ענגלישער ממשלה א „נאציאָנאלע היים" אין פּאלעסטינא".

דאָס איז אַלץ. Sapienti sat. . . .

פועלי־ציוניסטישע פרעסע:

יודישע ארבייטער־קאָרעספּאָנדענץ, בולעטין פונ'ם פּאַר־באַנדס־ביוראָ, ערשיינט פון צייט צו צייט (דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש).

די צייט טאָגבלאַט פון דער י. ס. א. פ. פועלי־ציון, אמעריקע.

די נייע צייט אָרגאַן פון דער יודישער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פּארטיי (פועלי־ציון) ארגענטינע.

ארבייטער־ווארט אָרגאַן פון דער אומאָפּהענגיגער י. ס. ד. א. פּ. פועלי־ציון אין פוילען.

דער יודישער ארבייטער אָרגאַן פון דער יודישער סאָצ.־דעמ. ארבייטער־פּארטיי (פועלי־ציון) אין מזרח גאַליציען.

קונטרס (העברעאיש) אָרגאַן פון „אחדות העבודה".

האדמה (העברעאיש) חדש־זשורנאַל פון „אחדות־העבודה".

אונזער וואָרט אָרגאַן פון דער י. ס. ד. א. פּ. פועלי־ציון, עסטרייך.

יודישער ארבייטער אָרגאַן פון דער י. ס. ד. א. פּ. פועלי־ציון, עסטרייך (דייטש).

צו באַקומען ביים פאַרבאַנדס־ביוראָ פועלי־ציון
Wien, II., Obere Donaustraße Nr. 111|55
און ביי די סעקרעטאַריאַטן פון די לאַנד־פּאַרטייען.

אין דער פֿאַרלאַג־אָבטיילונג פֿונ׳ם פֿאַרבאַנדס־ביוראָ קאָן מען באַקומען:

אונזער גערַאנק (אַ זאַמעלבוך). פרייז 50 עסטרייכישע קרוינען; 6 טשעכישע קרוינען; 6 דייטשע מאַרק; 60 פּוילישע מאַרק; 54 סענט; 2 שילינג; 3 שווייצער פֿראַנק.

די ארץ־ישראל־ארבייט (באַריכט פֿון דער פּאַלעסטינאַ־קאָמיסיע פֿונ׳ם וועלט־פֿאַרבאַנד). פרייז 100 עסטר. קרוינען; 12 טשעכישע קר.; 120 פּוילישע מאַרק; 12 דייטשע מאַרק; 4 שילינג; 1 דאָלאַר; 6 שווייצער פֿראַנק.

די פֿינפֿטע וועלטקאָנפֿערענץ (באַריכט און רעזאָלוציעס) (אויספֿאַרקויפֿט).

באַריכט פֿונ׳ם פֿאַרבאַנדס־ביוראָ (צו די V. וועלט־קאָנפֿערענץ). פרייז 10 עסטר. קרוינען; 2 טש. קרוינען; 12 פּוילישע מאַרק; 2 דייטשע מאַרק; 1 שילינג; 20 סענט; 1 שוו. פֿראַנק;

די אינטערנאַצ. סאָצ. קאָנפֿערענץ אין ווין א) טעזען און רעזאָלוציעס. ב) באַריכט פֿון דער פּועלי־ציון־דעלעגאַציע. פרייז 12 עסטר. קרוינען; 2 טש. קרוינען; 15 פּוילישע מאַרק; 2 דייטשע מאַרק; 1 שילינג; 20 סענט; 1 שווייצער פֿראַנק.

In deutscher Sprache:

Beschlüsse der Internationalen Sozialistischen Konferenz in Wien. Preis öst. Kronen 7·20

Bericht der Poale-Zion-Delegation. Preis öst. K. 4.—

Beide Broschüren zusammen Kronen 10.—

אדרעס:

Bureau Poale-Zion, Wien, II., Obere Donaustraße 111/55